ווֹכענטלעכע אויסגאַבע

№ 45

„CZENSTOCHOWER CAJTUNG". • פרייז 20 גראָשן.

טשענסטאָכאָווער צייטונג

Piątek 5 listopada 1937 | ליכט-צינדען 3.51 | פרייטאג פ׳ תולדות א׳ כסלו תרצ״ח

יודען פון פוילען וואס קומען נאָך ארץ-ישראל רייכערן נור די פּאַפּיראָסען

פון דער בעוואוסטער פאבריק **„מספרו"** תל-אביב

100 פּראָצ. יודישע אַרבייט. 16-יעהריגע עקזיסטענץ.

די בעסטע אין ארץ-ישראל

לטיף — יסמין — נרקיס — אמיר — ישוב

קרן-קימת-לישראל, קאָמיסיע אין טשענסטאָכאָוו.

שבת פ׳ תולדות (6 נאָוועמבער) האַלב 3 נאכמ. קומט פאָר **אין דער אַלטער שוהל**

א גרויסע פאלקס = פערזאַמלונג

מיט אַ רעפעראַט א. ד. ט.: **„די יעצטיגע לאַגע אין ארץ-ישראל"**

וועט אַרויסטרעטען דער בעוואוסטער ציוניסטישער עסקן און גלענצענדער רעדנער **הרב ר׳ ראובן הורביץ** אב״ד אוליקה (וואָהלין).

זונטאָג, ד. 7 ד.ח. 5 אַ זייגער נאכמ. קומט פאָר אין לאָקאַל פון „מזרחי" אַלעע 10 (2 שטאָק) **אַ גבאים-פערזאַמלונג** מיט׳ן אנטייל פון **הרב הורביץ.** אַלע גבאים ווערען געבעטען צו קומען פונקטליך

משולם זשולטאַק — רויזה געלבאַרד

פ ע ר ל אָ ב ט

וויעלון אין ליסטאָפאד 1937 י.

צו דער פערלאָבונג פון אונזער ליבען זוהן און ברודער **משולם** מיט פרל. **רויזה געלבאַרד** ווינשען מיר זיי אַ הארציגען מזל-טוב

עלטערן און געשוויסטער.

אונזער ליבען ברודער און שוואגער **משולם** צו זיין תנאים מיט פרל **רויזה געלבאַרד** ווינשען פיעל גליק און צופרידענהייט

לייביש זשולטאַק, פרוי און טעכטערל

פיעל גליק און צופרידענהייט ווינשען מיר אונזער ברודער און שוואגער **משולם** צו זיין פערלאָבונג מיט פרל. **רויזה געלבאַרד**

די עלטערן — פיעל נחת און פריד.

שמואל שמולעוויטש און פרוי

מזל-טוב אונזער פריינד און חבר **משולם זשולטאַק** צו זיין פערלאָבונג מיט פרל. **רויזה געלבאַרד** ווינשען

דוד ווישניאַ, חיים יאַקובאָוויטש,
יונה בערקאָוויטש, שמואל שימאָנאָוויטש

מיין פריינד **משולם זשולטאַק** ווינש איך פיעל גליק

חיים באָראָקס

צו די טשענסטאָכאָווער לאַנדסלייט אין אַמעריקאַ

די באַנק העולים, אין תל-אביב, איז געשאַפען געוואָרען פון פוילישע יודען, און איז די איינציגע באַנק וואו א פוילישער יוד האט זיך צו ווענדען ווען ער ווערט שלעכט. און יעצט האט די באַנק העולים פערגרעסערט איהרע אַקציעס פון 30 טויזענד אויף 100 טויזענד, און צו דעם צוועק דעלעגירט זי דעם ה׳ שבתי ווייס נאָך אמעריקא וואו ה׳ שבתי ווייס וועט פערקויפען אַקציעס. איבער דעם ווענד איך זיך צו די טשענסטאכאווער לאַנדסלייט אין אמעריקא איבערהויפט אין ניו-יאָרק, אז זיי זאָלען וואַרעם אונטערשטיצען די אונטערנעהמונג פון ה׳ שבתי ווייס, און דורך דעם וועלען אויך פיעל טשענסטאכאווער קענען געניסען. איך אונטערשטרייך, דאס היינט האט אויך די באַנק-העולים א גרויסען אינטערעס פאַר די טשענסטאכאווער, און איך אליין האָב שוין פיעל אויפגעטהון דורך דער באַנק פאַר אונזערע לאַנדסלייט.

איך בין זיכער, דאס מיינע לאַנדסלייט אין אמעריקא וועלען מיין פאָרשלאָג אונטערשטיצען, איך צייכען זיך מיט ציון גרוס

גדל פרייטאג

פאָרזיצענדער פון די טשענסטאכאווער לאַנדסלייט אין תל-אביב.



פאָדערט ביי אַלע צייטונגס - פערקויפער דאס אילוסטרירטע וואָכענבלאַט

„די פּאַנאָראַמע"

סענסאַציאָנעלער קאָנקורס: מיר זוכען אַ יודישע פילם-אַרטיסטקע, וואס זאל שפּילען די הויפט-ראָל אין אַ יודישען פילם.

פולער ראַדיאָ - פּראָגראַם אויף א גאַנצע וואָך פאָראויס.

שפּאַנענד לעזע-מאַטעריאַל: פיעל אַקטועלע און אינטערעסאַנטע אילוסטראציעס

8 גרויסע זייטען בלויז פאַר 10 גראָשען.

Dr. med.

A. WOLBERG

choroby skórno - weneryczne

POWRÓCIŁ

i ordynuje od 4—7 po poł.

Aleja Wolności № 13

II piętro tel. 13-67.

Państwu G. NAJMAN z intencji zaślubin Ich Córki CESI z p. CWAJBAUMEM życzymy wiele pociechy, Nowożeńcom—szczęśliwego współżycia

SAMUELOWIE GELBHAUER

Zamiast kwiatów 3 zł. na Szpital Żyd.

Państwu GOLDMINC z intencji zaślubin Ich Córki TABCI z p. D-r WOWKIEM WARMUNDEM życzymy wiele pociechy, Nowożeńcom—dużo szczęścia

SAMUELOWIE GELBHAUER

Zamiast kwiatów 3 zł. na „Tomchaj Anyim".

Dr. med. N. BERNSTEIN

choroby kobiece, wewnętrzne i akuszeria

Godziny przyjęć: od 9—11 i od 4—7 pp.

ANALIZY LEKARSKIE.

Ul. N. Marii Panny 20

(prawa oficyna, I piętro). Tel. 12-53

PRZEDSTAWICIEL długoletni, rutynowany, dobrej prezencji, obeznany z rynkiem tutejszym obejmie zastępstwo na Warszawę, chętnie branży galanteryjnej. Referencje poważnych firm. Łask. oferty: „Uniwersalna Agencja Reklamowa", Warszawa, Marszałkowska 124, sub. „Jotef".

„טעכנאָזיל"—א. זילבערשטיין

טשענסטאָכאָוו, אַלעע קאָשטשושקי № 23

טעלעפאָן 18-60.

פערקויפס-ביוראָ פון **קויהלען** און **קאָקס**

ליפערט אויסער וואַגאָנווייזע אויך **איינצעלנע פוהרען** פאַר הויז - געברויך

די בעסטע קוואַליטעטען הייץ-קויהלען: דאָמבראָווער און שלעזישע.

הויפט - פערקויף און פערטרעטונגען פון די בעסטע גרובען, ווי: **גיעשע** (ווילסאָן און ליגאָן), **פלאָרא, פּאַריז** (קאָשעלצוו).

איך ליפער אָנהויבענדיג פון איין פוהר.

ביליגסטע איינקויפס-קוועלע.

א גימנאַזיסט

ערטיילט לעקציעס און קאָרעפּעטיציע אין ראהמען פון 6 קלאַסען גימנאַזיום. אויך העברעאיש און אַנדערע למודים פון יודאַאיסטיק צו צוגענגליכע פרייזען.

צו ערקינדיגען זיך אין רעדאקציע.

WORLD-RADIO
świat w domu...

Do Miłośników muzyki!

Doszło do wiadomości naszej, że WPan od dłuższego czasu nosi się z zamiarem kupna radioodbiornika. Nie uczynił WPan tego dotychczas, ponieważ trudno WPanu zorientować się w labiryncie pojęć jak: obwody, lampy, automatyczna regulacja fadingów, superhetorodyna, magiczne oko, zakresy fal etc. etc. Pozatym utrudnia WPanu jeszcze decyzję rozmaitość modeli i cen.

W tym wszystkim przyjdzie WPanu chętnie z pomocą fachową i sumienną

Zakłady Radiotechniczne

WORLD-RADIO

Inż. Br. Fliegelman i S-ka

Spółka Komandytowa

Aleja 24 w podwórzu,

tel. 25-75.

Reprezentacja czołowych firm krajowych i zagranicznych.

FARBIARNIA, i PRALNIA CHEMICZNA „KRYSZTAŁ"

ul. Berka Joselewicza 2.

צום פריהלינג-סעזאָן

מיר נעמען אָן צו וואשען **קראַגענס** מיט לאנג - דויערנדע שפיגעל-גלאַנץ ווי אויך **העמדער** צו רייניגען און צו פארבען אלערארט קליידונג. גארדינען צו וואשען און צו שפאנען.

ספעציאליטעט: 1) פאַרבען לעדערנע קורטקעס

2) דעסאַשירען (ארויסנעמען פלעקען אָהן חשש).

אַכטונג: פלעקען ווערען ארויסגענומען אויס׳ן אָרט אלץ צוביליגע פרייזען.

SZKOŁA TAŃCÓW baletm. Kosteckiego

w lokalu własnym

ul. Waszyngtona № 6.

Wyucza ostatnie nowości — kongresu — paryża 1937/1938 roku w kompletach — pojedyńczo. Zgłoszenia codziennie od 10—21 w.

אַכטונג: יעדען שבת פּראַקטישע לעקציע פאַר יודישער געזעלשאַפט.

אָנהויב 8 אַוונט. — ערשטקלאַסיגע מוזיק.



Przepisywania na maszynie

przyjmuje

E. LANDAU, Garibaldiego 21

w bramie, na parterze

codziennie od godz. 9-ej rano do godz. 4-ej po poł.

Wykonanie punktualne i solidne. — — Ceny b. przystępne.

ווינטער-הילף!

ביטער איז דעם אָרימען יודען א גאנץ יאהר, מכל שכן בעת ס'קומט אָן ווינטער, ווען ער מוז אויסער א שטי-קעל ברויט פאַר'ן הונגעריגען מאָגען נאָך זאָרגען וועגען קויהלען און א וואַרים מלבוש.

ווען דער גוטער ווילען וואָלט נאָר געווען ביי אונזערע פערמעגליכערע יודען, ווען זיי וואָלטען זיך נישט בע-גנוגענט מיט בלויז רעדען אָדער מיט'ן ווייכען האַרצען, נאָר ווען זיי וואָלטען אויך געהאט אַנ'אָפענע קעשענע, וואָלט מען וויפיעל עס איז געלינדערט די שווערע גרויזאַמע נויט פון אונזערע אומגליקליכע ברידער און שוועסטער, וואס קומט אָבער אַרויס, אז דער זאַ-טער גלויבט נישט און ער קומט נישט צוהילף דעם אָרימען און אומגליקליכען.

עפּעס קומען יאָ פאַר ווינטער-אַק-ציעס אין דער פאָרם פון געבען א האַלבע אָדער א גאַנצע קערץ קויהלען איבער'ן ווינטער און דאס אויך נישט אַלע, וועלכע נויטיגען זיך דערין, און מיט דעם וויל מען יוצא זיין ידי חובתם, דאס איז דאָך אָבער נאָר א קליינער טראָפּען, פון ים אָקעגען דעם, וואס מען דאַרף טהון.

זאָל מען זאגען אָפען: מיר האבען צווישען אונזערע היגע כלל-טהוער גע-נוג רייכע מענשען, וועלכע שטעהען אין דער שפּיץ פון פילאַנטראָפּישע אינ-סטיטוציעס און מען הערט גאָרנישט, אז זיי זאָלען זיך אַמאָל לאָזען קאָסטען אויף דעמזעלבען צוועק, אויף וועלכען זיי ווילען, אז אנדערע זאָלען געבען.

עס געהט צו ווינטער, אין מלוכה-מאַסשטאַב ווערט אין דער הינזיכט געטהון, מען שאַפט ווינטער הילפס-קאָמיטעטען, אין וועלכען מיר יודען ווערען זעהר גערן געזעהן ביים געבען, אָבער פון דער שטיצע געניסען מיר כמעט ווי גאָרנישט. מוזען מיר דעריי-בער מאכען א ספּעציעל יודישע ווינ-טער הילפס-אַקציע פאַר אונזערע אָרימע ברידער.

ווען מען נעמט אָבער אין ליכט פון פאַקטען די טעטיגקייט פון אונזערע כלל-טהוער, וועלען מיר קומען צו א טרויעריגען סך הכל, אנשטאַט צו פּער-נוצען די ענערגיע אויף צו קומען צו הילף די נויטבאַדערפטיגע יודען אין אזא שווערע ביטערע צייט, פערווענדעט מען די ענערגיע אויף אונזיניגע צאַנ-קערייען, וועלכע ברענגען נאָר שאָדען דעם כלל ישראל און בפרט אונזערע טשענסטאכאווער אָרימע יודען.

מיט די דאָזיגע ווערטער זענען מיר נישט אויסען עמיצען צו קריטיקירען, מיר האבען דאס נור דרך אגב דער-מאנט, כדי אונזערע כלל-טהוער און פאַרשטעהער פון פילאַנטראָפּישע אינ-סטיטוציעס, זאָלען זיך בעזינען, אז אויב מען איז א שלוח-צבור, איז עס צו עפּעס מחייב. און אין דעם פאַל פאָדערען מיר אויף די ראשי העדה פון דער שטאדט טשענסטאכאוו אָנצו-נעמען שריט, כדי צו קומען אַנטקעגען די אָרימע און פערצווייפעלטע יודען אין אונזער שטאדט און אָרגאַניזירען א ברייטע פערצווייגטע ווינטער-הילף.

ש. פ.

קורצע ידיעות פון דער וואָך.

— די יאפּאנישע רעגירונג האט אָפּיציעל געמאָלדען, אַז זי זאגט זיך אָב צו בעטייליגען אין דער בריסעלער קאָנפערענץ, וועלכע וועט בעטראכטען דעם יאפּאניש-כינעזישען סכסוך.

— אין רוים איז געפייערט געוואָרען דער 15-טער יאהר-טאג פון פאשיסטי-שען מארש אויף רוים. אין א רעדע, וועלכע מוסאָליני האט געהאַלטען בעת די פייערליכקייטען, ערקלערט ער, אַז מאַנכע פונקטען פון די שלום-טראַקטאַ-טען דאַרפען רעווידירט ווערען און אז דייטשלאַנד דאַרף צוריקבעקומען קאָ-לאָניעס אין אפריקע.

— אין סיריען איז פאָרגעקומען א פערפלייצונג פון א שרעקליכען פּער-נעהם. גאנצע שטעדטלעך זענען אָבגע-שווענקט געוואָרען פון די כוואַליעס. מען רעכענט אז די צאָהל קרבנות וועט איבערשטייגען 1000 מאן. די מאַטער-יעלע שאָדענס זענען ריזיגע.

— די שפּאנישע רעגירונג האט פּער-לאזט וואַלענסיא און איבערטראָגען די רעזידענץ קיין באַרצעלאָנא. אין די נאָהנטסטע טעג זאָלען די אויפשטענ-דער אָנהויבען די אָפענזיווע אויף מאַדריד. דער הויפּט-אָנפיהרער פון רעגירונגס מיליטער גענעראַל מיאכא מאכט פיבערהאפטע פּאָרבערייטונגען צו דער פערטיידיגונג פון דער הויפּט-שטאָדט.

— דער שעף פון „אָזאָן" פולק. קאָץ האט אין אַנ'אינטערוויאו ערטיילט דעם פאָרשטעהער פון „גאזעטא פּאָלסקא", ערקלערט, אַז דער „פערבאַנד פון יונג-פוילען" בלייבט נישט די איינציגע יו-גענד-אָרגאניזאציע פון „אזאן", אַז צווי-שען „אזאן" און דער „פאַלאַנגא" איז נישט פערהאַן קיין שום שייכות. ווײ-טער איז זיך פולק. קאָץ מודה, אַז ער איז בעגאנגען פעהלערן און קינדיגט אָן ווייטערדיגע פערסאָנאַלע ענדערונ-גען אין „אזאן".

— דאס אַפּעלאציע געריכט אין וואר-שא האט אַרויסגעטראָגען דעם אורטייל אויף יוסל פענדראַק, וועלכער איז אין דער ערשטער אינסטאַנץ פערמשפט גע-וואָרען אויף לעבענסלענגליכע תפיסה. דאָס אַפּעלאַציע געריכט האט פענד-ראַק'ן פאַרקלענערט די שטראָף אויף 13 יאהר. אין די מאָטיוען שטרייכט דאס געריכט אונטער, אַז פענדראַק איז זיין טהאט נישט בעגאנגען אויפ'ן באָדען פון ראַסען-האַס.

— דער הויך-קאָמיסאַר פון פעלקער-בונד אין דאַנציג האט ערקלערט דער דעלעגאַציע פון די דאַנציגער יודען, אַז ער קען נישט אינטערוועניר ען לטובת די יודען, ווייל דאס געהערט צו די אינערליכע אנגעלעגענהייטען פון דאַנציג.

— אויף א פערזאמלונג פון העכער 50 פראָפעסאָרען און דאָצענטען פון די ווארשאווער הויכשולען איז בעשלאָסען געוואָרען צו סאָלידאַריזירען זיך מיט דער מאָראַלישער שטעלונג, וועלכע עס האט פערנומען פראָפ. מיכאלאָשיטש אין דער פראגע פון באַנק געטאָ.

— אויף א גרויסער בעראַטונג אין קעניגליכען שלאָס, אין וועלכער עס האבען זיך בעטייליגט דער מלוכה-פרעזידענט, מאַרשאַל רידז-שמיגלי, אַלע מיניסטאָרען און פּרעזידענטען פון גרע-סערע שטעדט, איז פייערליך פּראָקלאַ-מירט געוואָרען די היי-יעהריגע ווינטער הילף-אַקציע אין גאַנצען לאַנד.

— אין צוזאַמענהאַנג מיט דער ער-שטער יאהרצייט פון יודישען מנהיג ד"ר י. טהאָן ז"ל זענען אין קראָקאָ פאָרגעקומען אימפּאָזאַנטע טרויער-פיי-ערליכקייטען פערבונדען מיט דער ענטהילונג פון דער מצבה. ריהרענדע רעדעס האבען געהאַלטען ד"ר ברוידע פון לאָדז, פראָפ. שאָר פון ווארשא א.א.

— א גרופּע פוילישע דעפּוטאַטען מיט פּרוי פּריסטאָר בראש גרייטען זיך אריינצוטראגען א פאַרשלאַג אין סיים וועגען געזעצליך פערבאָטען די יודישע שחיטה. אין צוזאמענהאַנג דערמיט ווערט געגרופען קיין ווארשא אין משך פון נאָהנטסטע טעג א צוזאַמענפאָהר, אויף וועלכען עס וועלען זיך בעטיי-ליגען פאָרשטעהער פון די גרעסערע קהלות אין לאַנד, יודישע פאַרלאַמענ-טאַריער און פאָרשטעהער פון אגודת הרבנים.

— דער ענגלישער קאָלאָניען מיניס-טער ארמבסי גאָר האט ערקלערט אין פאַרלאַמענט, אַז דער הויך-קאָמיסאַר אין א"י אַרטור וואוקאָפּ פערלאָזט זיין אַמט צום אָנהויב פון קומענדען יאהר. דער הויך-קאָמיסאַר האט זיך אָנגעגע-בען אין דעמיסיע צוליב זיין שלעכטען געזונד-צושטאַנד. זיין קאַדענץ האט זיך געמוזט ענדיגען ערשט אין 1941.

— דעם חודש נאָוועמבער פאָהרען אָב קיין ארץ ישראל פון פוילען 2 גרו-פּען עולים צוזאמען 300 פערזאָן.

— קיין רוים זענען אָנגעקומען הויכע קאַטוילישע קירכען-פערטרעטער, בי-שאָפען און פּאַטריאַרכען פון סיריען, לבנון און איראַק. עס ווערט אויך ער-וואַרט דער מעטראָפּאָליט פון ירושלים קאַרלאַדינא. דער צוזאמענפאָהר פון די קירכליכע פערטרעטער פון נאָהנטען מזרח שטעהט אין צוזאמענהאַנג מיט די בעראַטונגען, וועלכע קומען פאָר אין וואַטיקאַן וועגען אָננעהמען א שטעלונג צו דער פּראָקלאַמירטער טיי-לונג פון ארץ-ישראל.

— קיין א"י איז אָנגעקומען דער נייער בעל-יועץ פון דער ארץ ישראל-רעגירונג אין פּאָליציי-פראגען סער טשאַרלי טעגאַרט, וועלכער זאָל איינ-פיהרען געזעצליך נייע מעטאָדען אין קאַמף מיט די אַראַבישע טעראָריסטען.

— אין ירושלים איז פאָרגעקומען די פייערליכע עפענונג פון נייעם אַקאַ-דעמישען יאהר אין דער העבּרעאישער אוניווערזיטעט.

— דער רומענישער פּרעמיער טאַטאַ-רעסקו האט פּראָדוקט אָבצושאַפען דעם פערבאָט אויף געלד-זאַמלונגען פאַר די א"י פאָנדען אין רומעניען.

— דער אַראַבישער טעראָר אין א"י הערט נישט אויף. אין אַלטשטאָדט פון ירושלים האבען אראבער געשאָסען צו א גרופּע יודען פון וועלכע איינער איז געשטאָרבען און 3 זענען פערוואונדעט געוואָרען. די אַראַבישע טעראָריסטען האבען אויך בעשאָסען פּאָליציי-פּאַט-רולען און פערשידענע געגענדען פון לאַנד. די רעגירונג ווענדעט אָן לגבי די אַראַבער ווייטערדיגע רעפּרעסיעס, פיהרט דורך אַרעסטען, זעצט אריין פּאָ-ליציי-פּאַטרולען אין פערשידענע דער-פער אויפ'ן קאָסט פון די אַראבער און דראָהט מיט אויפרייסען אַראַבישע היי-זער.

— דעם 2 נאָוועמבער איז אויסגע-פאַלען דער 20-טער יאָהרטאָג פון דער באַלפור - דעקלאַראַציע, וועלכע האט שפּעטער געשאַפען דעם יסוד פון דעם ענגלישען מאַנדאַט אין ארץ ישראל. אין צוזאמענהאַנג דערמיט איז אין לאַנ-דאָן פאָרגעקומען א פייערונג מיט'ן אָנטייל פון לאָרד ראָטשילד און אַנדע-רע פּראָמינענטע פערזענליכקייטען.

— דאס בערנער אַפּעלאַציע-געריכט האט פערעפענטליכט דעם אורטייל אין פראצעס געגען די נאַצי-לייט פאַר פער-שפּרייטען די א. ג. „פּראָטאָקאָלען פון די זקני-ציון". דאס אַפּעלאַציע-געריכט בעשטעטיגט, אַז די „פּראָטאָקאָלען פון די זקני ציון" זענען א פאַלסיפיקאַט פון שעדליכען כאַראַקטער. די אָנגע-קלאָגטע ווערען אָבער בעפרייט צוליב פאָרמעלע טעמים, ווייל דער קאַמף מיט העץ ליטעראַטור אונטערליגט דער קאָמ-פעטענץ פון די אַדמיניסטראַטיווע אָר-גאַנען און נישט פון געריכט.

פון קרן קימת לישראל

אין צוזאמענהאַנג מיט'ן פערברייטערן פון אונזער אַרבייט, האט בע-זוכט אונזער שטאדט, אין נאָמען פון די לשכה הארצית אין ווארשא הרב ר' ראובן הורוויץ.

שבת, דעם 6 ד. ח. 2.30 א זייגער נאַכמיטאַג קומט פאַר א גרויסע עפענ-טליכע פערזאַמלונג אין דער אלטער שוהל אויף וועלכער דער חשוב'ער גאַסט וועט אַרויסטרעטען מיט א רע-פּעראַט „וועגען די יעצטיגע לאַגע אין ציוניזם".

זונטאג 5 א זייגער נאַכמיטאַג קומט פאַר אין לאָקאַל פון „מזרחי", אַלעע 10 (2 טער שטאָק), א פערזאַמלונג פון גבאים. אַלע גבאים ווערען געבעטען פּונקטליך צו קומען.

פונ'ם יודאאיסטישען צענטער.

אָנהויבענדיג פונ'ם ערשטען נאָוועמ-בער איז די ביבליאָטעק טעטיג אין פאָלגענדע שעה'ן: טעגליך פון 7 ביז 10; שבת פון 6–8 און זונטאג פון 5–10 אָוונד. איינגאַנג פריי.

ביים צענטער וועלען געעפענט ווע-רען קורסען פאַר דער העבּרעאישער שפּראַך, תנ"ך, יודישע געשיכטע פאַר דערוואַקסענע, וועלכע בעזיצען שוין געוויסע ידיעות אין העבּרעאיש. איינ-שרייבונגען ווערען אָנגענומען אין דער ביבליאָטעק, אין די אַמטירונגס שעה'ן.

די מסבות עונג שבת וועלען ווידער פאָרקומען אָנהויבענדיג פון שבת פרשת ויצא (13.11) 3.30 א זייגער נאַכמיטאַג.

א בעזוך אין זקנים-און יתומים-הויז

די פערוואַלטונג פון זקנים-און יתו-מים הויז אַרדענט איין זונטאג, דעם 7 ד.ח. אַנ'אויספלוג אין דער אינסטיטוציע, אויף וועלכער ס'ווערען איינגעלאַדען אַלע מיטגלידער און סימפּאַטיקער.

צו דעם צוועק וועלען זונטאג 11 א זייגער פריה פון פאַר פראַנקס'ס הויז, אַלעע 14, אָבפאָהרען ספּעציעלען אויטאָבוסען, וועלכע וועלען איבערפיהרען די געסט.

טריפה'נע שחיטה...

קליינער פעליעטאָן

— אַזוי איז עס, פאַניע סמאַל, נישט קוקענדיג דערויף, וואס דער עולם איז היינט נישט אַזוי פרום ווי אַמאָל, פונ-דעסטוועגען זענען נאָך פערהאַנען אַ סך, וועלכע זענען שטאַרק מקפיד אויף כשר'ע און טריפה'נע שחיטה — דאס זענען געווען די ערשטע ווערטער פון מיין שכן גיונם פלטיאל, איבערטרע-טענדיג די שוועל.

— וואָז פאַר א שחיטה ווידער אין מיטען דערינען — שטעל איך אויס אַ פאַר אויגען אויף מיין שכן — דאַכט זיך, אז דער ענין שחיטה איז שוין ערלעדיגט, שוין פאַריאַהרען האט מען די יודישע שחיטה אָבגעשאַכטען און זי איז שוין נישט מעהר אַקטועל.

— איהר האט אַ טעות — רייסט מיר איבער גרונם פלטיאל — דער ענין כשר'ע און טריפה'נע שחיטה איז נאָך נישט אַראָב פון טאָג אָרדנונג. פער-קעהרט, פון טאָג צו טאָג ווערט ער אַלץ מעהר אַקטועלער און ס'קומט צו אזא צושטאַנד, אַז צוליעב דער שחיטה צוטיילט זיך די וועלט אויף צוויי לאַ-גערען. איין טייל האַלט, אַז די שחיטה, וואס קומט איצט פאָר, איז אַ כשר'ע, און די צווייטע טייל האַלט, אַז די שחיטה, בעסער געזאָגט — די שחיטות, זענען טריף און מען דאַרף זיי אינגאַנ-צען אָבשטעלען.

— וואס רעדט איהר — קוק איך אויף מיין שכן מיט פערוואונדערונג, אַזוי ווי ער וואָלט חס ושלום געווען נישט מיט אַלעמען.

— זייט רוהיג — ענטפערט מיר מיין שכן — איך בין נישט חלילה משוגע, איך ווייס וואס איך רעד. שענקט מיר נאָר א ביסעל צייט, וועל איך אייך מסביר זיין דעם גאַנצען ענין.

זעהענדיג, אַז מיין שכן קלויבט זיך צו האַלטען א גאַנצען רעפעראַט, האָב איך איהם געבעטען זיצען, מכבד גע-ווען מיט טהעע און פערבייסען, אַריינ-געבעטען מיינע בני-בית צום טיש און געוואָנדען זיך צו מיין שכן, ער זאָל רעדען קלאָרע דבורים.

— איך בין געווען אויפ'ן באַנקעט פון קצבים-צעך — הויבט ער אָן זיין דערצעהלונג. ווי אַזוי איך קום אויפ'ן באנקעט פון קצבים איז נישט קיין פראַגע. ס'האט זיך אַזוי געמאַכט, אַז מען האט מיך פערבעטען, בין איך גע-גאַנגען. און צוריק געשמועסט: פאַרוואס זאָל זיך א יוד היינטיגע צייטען אָב-זאָגען פון א יודישער שמחה.

לכתחילה האָב איך אפילו נישט פער-שטאַנען, פאַרוואס די קצבים אָרדנען עפּיס איין א באַנקעט אין מיטען יאהר, אינדערצייט, ווען די יאהרצייט פון דער פּריסטאָראָווע'ס פאַרשלאָג וועגען דער יודישער שחיטה איז דאָך ערשט אריין אין קראָפט דעם ערשטען סטיט-שען, נאָר זייענדיג איפ'ן באַנקעט און הערענדיג די רעדעס, האָב איך גע-וואויר געוואָרען, אַז די שמחה איז צוליעב דעם, וואס די כשר'ע קצבים האבען געשאַפען א נייעם צעך, אָבטיי-לענדיג זיך אַזוי אַרום פון די טריפה'נע קצבים.

אַהיימקומענדיג האָב איך זיך אַריינ-געטראַכט אין דעם גאַנצען ענין און האָב אויסגעפונען, אַז דאס, וואס די כשר'ע קצבים האבען זיך אָבגעטיילט פון די טריפה'נע, האט א טיעפע, א סימבאָלישע בעדייטונג; אַז נישט בלויז די קצבים האבען געמאַכט א מחיצה און ווילען נישט האָבען צו טהון מיט דער טריפה'נער שחיטה, נאָר די גאַנ-צע וועלט איז, ווי כ'האָב פריהער גע-זאָגט, איצט צוטיילט אויף צוויי לאַ-גערן.

— נעמען מיר, למשל, די לאַגע ביי אונז אין פוילען — זאָגט ווייטער מיין שכן — וועט אייך אַלעס באַלד קלאָר ווערען. אָט האט מען איינגעפיהרט אין די אוניווערזיטעטען די געטאָ-בענק; דאס איז בעשטימט א טריפה'נע שחיטה, וואס איז געגען שלחן-ערוך פון דער קאָנסטיטוציע. דערמיט האט מען אָב-געשאַכטען די בירגערליכע רעכט פון די יודישע מאַסען אין פוילען. האבען זיך געפונען מענשען, דערונטער אויך עכטע פּאָלאַקען, וועלכע האבען זיך פון אָט די טריפה'נע קצבים אָבגעגרעניצט און ווילען מיט זיי נישט האָבען קיין מגע ומשא. דאס זענען די איידעלע מענשען, ווי א ראַגאַוויטש, א שומאַנ-סקי, מיכאַלעוויטש און נאָך א סך, אַ סך.

השוחט בלילה, אויב כוליגאַנעס פאַ-לען אָן ביינאַכט און אויך ביי טאָג און שטעכען אַהן א פאַרוואָס יודישע יונגע-לייט, איז דאס טריפה פאַר יעדען אַנ-שטענדיגען מענשען. און פערהאַנען צום גליק נאָך מענשען אין פוילען, וועלכע האַלטען אָט די פערשיינען פאַר חרש שוטה וקטן, וואס פגיעתן רע, זייער עקזיסטענץ איז אַנ'אומגליק פאַר דער מדינת פוילען.

אין שפאַניען האט זיך געלעבט א פאָלק אין רוה, קאָנען דאס נישט צו-קוקען די טריפה'נע קצבים פון אי-טאַליען און דייטשלאַנד און מען שחט אויף רעכטס און לינקס די אונשולדיגע שפּאַנישע בעפעלקערונג. אַזאַ שחיטה איז זיכער טריפה, און יעדער וועלכער האט גאָט אין האַרצען, דריקט אויס זיין טיעפע פעראַכטונג פאַר דער דאָזי-גער טריפה'נער שחיטה.

דאס זעלבע קומט פאָר אין כינע, וואו די יאפאַנישע פאַשיסטען מאכען אַ טריפה'נע שחיטה. זיי לאַכען זיך אויס פון די דינים פון פעלקער-בונד און זיי קוילען די כינעזישע בעפעלקע-רונג מיט א שטומפּיג מעסער.

20 יאהר איז די וואָך געוואָרען זינט עס איז פערעפענטליכט געוואָרען די באַל-פור-דעקלאַראַציע, וואס האט צוגעזאָגט דעם יודישען פאָלק אויפצובויען זיין נאַציאָנאַלע היים אין ארץ ישראל, און צום סוף שחט'ען די ענגלישע טריפה'נע שוחטים אָב אונזערע האָפנונגען אויף אונזער לאַנד.

אין רוסלאַנד האַלט מען אין איין אָב'שחט'ען די בעסטע רעוואָלוציאָנערען און דאס קומט בעשטימט נישט פאָר אויף קיין כשר'ען אופן, אַזוי אַז מען מוז אויך אָנערקענען, דאס אפילו אין דעם כשר'ען לאַנד שחט מען אויך אויף טריפה.

און דאס מיינט איהר—זאָגט ווייטער מיין שכן—וואס צווישען יודען גופא קומען פאָר אין דער איצטיגער צייט רייבונגען און מחלוקת איז נישט קיין טריפה'נע שחיטה? איצט, ווען אַלע דאַרפען זיין פעראייניגט אין איין דעה, אין איין מיינונג, כדי אָבצושטויסען דעם אָנגריף פון שונא, טרעפען זיך סענשען, אויסגעזאָרגטע קעפּ, וועלכע ווילען דוקא אָנצינדען א פייער פון מחלוקת.

— בנוגע דעם האט איהר א טעות— רייס איך איבער מיין שכן—די יודישע בעפעלקערונג אין פוילען איז פיעל-וועניג פעראייניגט, דאס האט בעוויזען דער 19-טער אָקטאָבער, ווען דאס גאַנ-צע פוילישע יודענטום האט סאָלידאַריש פּראָקלאַמירט זיין איינהייט און ענט-שלאָסענהייט.

— אמת—לאָזט מיך נישט בעקומען מיין שכן—דאס פוילישע יודענטום איז טאָקי, ווי איהר זאגט, פיעל-ווייניג פער-איינגיגט, כאָטש ס'איז פערהאַן אפילו אויף דעם געביעט נאָך זעהר פיעל זיך צו ווינשען, דערפאַר אָבער מוז אונ-בעדינג געטאָדעלט ווערען די האַנדלונג פון א טייל אונזערע טשענסטאכאווער יודישע כלומר'שטע אַריסטאָקראַטען, וועלכע האבען אונטערגענומען א וויס-טע העצע געגען דער קהלה-לייטונג און ווילען די איינציגע הערליכע יודי-שע אינסטיטוציע אומברענגען, אָט דער טהאָט—פערענדיגט מיין שכן זיינע אויס-פיהרונגען—דאַרף אויך קוואַליפיצירט ווערען אַלס אַ טריפה'נע שחיטה...

כ'האָב אריינגעטראַכט אין מיין שכנ'ס רייד און בין געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז טיילווייז האט ער רעכט, די אַלע ביישפּילען, וועלכע ער האט מיר געבראַכט, געהערען צו דער קאַטעגאָריע טרפה'נע שחיטה און יע-דער אַנשטענדיגער מענש דאַרף זיך פון זיי אָבגרעניצען...

סמאַל

זאלען זיי באזוכען די רעכנונגען!

מענכע פוילישע הויכשולען זענען אונז שולדיג א חוב, וואס זיי האבען נאך נישט בעצאהלט

(א היסטארישע נאטיץ)

פון **ישעיה אוגער**

די גזירה וועגען די געטא בענק — און מען קלויבט זיך דאך, ווי מ'ווייסט איינצופיהרען זי אויך אין די מיטעלשולען — אט די גזירה, וועלכע פאסט זיך צו אזוי טרעפליך צו די מיטעלאלטערליכע יודען-פערפאלגונגען פון אונזער נאהנטען שכן — רופט ארויס ערינערונגען אין געוויסע טרויעריגע איבערלעבונגען פון פוילישען יודענטום אין די פריהערדיגע צייטען, ווען כל'ערליי ברוטאלע און באַרבארישע מעשים געגען יודען, עקסצעסן און מאסען-אנפאלען אויף די „יודישע גאסען" מצד דער שטודירענדער יוגענד זענען געווען אן'אמת'ע „מכת מדינה", א שטענדיגע פלאג פאר דער יודישער בעפעלקערונג פון לאנד. דעמאלט האבען זיך נאך נישט געלערנט קיין יודען אין די פוילישע הויכשולען, אין די אקאדעמיעס און קאלעגיומס פלעגען די „שקאלארען". די תלמידים פון די דאזיגע לעהר-אנשטאלטען, מאכען סתם אנפאלען אויף יודען, אנטהון זיי צרות מצוקות און פערביטערען זיי דאס לעבען. אפילו די דעקרעטען די שטרענגע מיטלען און בעשטראפונגען, וואס פלעגען אנגעווענדעט ווערען פון דער רעגירונגס-מאכט און די פארשטעהער פון די אקאדעמיעס געגען די כוליגאנעס, זענען נישט בכח געווען אלעמאל איינצושיצען די יודישע בעפעלקערונג און די „יודישע גאסען" פון מאסען איבערפאלען און בלוטיגע עקסצעסן מצד די „שקאלארען".

די דאזיגע אנטי-יודישע עקסצעסן פון דער „שטודירענדער יוגענד" זענען בעקאנט אונטער'ן נאמען „שילער-געלויפען". אין דער געשיכטע פון די יודען אין פוילען פערנעמען זיי א בעזונדער בלעטעל — א בלוטיג בלעטעל. די „שילער-געלויפען" האבען געטראגען דעם כאראקטער פון מאסען-איבערפאלען, אבער יודען האבען אויך אין א „קלענערע מאסשטאב", אינדיווידועל געהאט אויסצושטעהן צרות צרורות פון די „שילער" און פלעגען נישט זעלטען זיך אויסקויפען פון זייערע הענד דורך א בעזונדערען אבצאהל אדער אפילו א שטענדיגען שטייער, ד. ה. זיי פלעגען צאהלען דערפאר, אז די סטודענטען זאלען זיי נישט פייניגען און נישט מאכען קיין אנפאלען אויף זיי.

די סטודענטישע עקסצעסן געגען יודען האבען אלזא שוין א „טראדיציע" ביי אונז אין לאנד, א „טראדיציע", וועלכע ציהט זיך אויף א לענג פון א פאר הונדערט יאהר, דער אונטערשיד איז נאר, וואס היינט זענען די אנפאלען געווענדעט ס'רוב געגען די יודישע סטודענטען און היינט געברויכט מען „מאדערנערע" מיטלען ביי די איבערפאלען: אמעריקאנער זשילעטקעס, ראזיר-מעסערלעך פון פוילישער אויסארבייטונג, גומענע שטעקענס וכדומה. אויך ווערען איינגעפיהרט געטא בענק. דאמאלס אבער זענען נאך קיין יודישע סטודענטען נישט געווען אין די פוילישע אקאדעמיעס, און אלע פוילישע יודען האבען אין יענער צייט געוואוינט אין געטאס, על כל פנים אין געוויסע גרויסע שטעדט.

דאס סאמע כאראקטעריסטישע און איטערעסאנטע דערביי איז אט וואס: אז גראדע די געשלאגענע און געפייניגטע יודען, די קרבנות פון די סטודענטישע עקסצעסן, האבען מאטעריעל נישט ווייניג בייגעטראגען דערצו אויסצוהאלטען די פערשידענע אקאדעמיעס און קאלעגיעס. און נישט נאר דאס אליין, זיי האבען אויך געמוזט זארגען, אז עס זאל נישט פעהלען קיין געלד די שילער אויף אלעם נויטיגען, אויף ביכער, שרייב מאטעריאלען א.אז.וו. אין קראקע צ.ב. ביי דער יאגעלאנישער אוניווערזיטעט, איז אנגעשטעלט געווען א ספעציעלער יודישער „בעאמטער" וואס זיין איינציגע פליכט און אויפגאבע איז געווען — צו באַרגען געלד די סטודענטען, בכדי זיי זאלען קענען אומגעשטערט שטודירען. נאטירליך פלעגט מען זיי דאס רוב נישט צוריקצאהלען קיין גראשען פון די הלוואות אדער נאר א קליינעם טייל.

לויט די סטאטוטען פון דער אוניווערזיטעט האט געמוזט בעשטימט ווערען ביי דער אקאדעמיע א יודישער „באנקיר", וועלכער האט געהאט די אויפגאבע צו באַרגען געלד די סטודענטען אויף אלץ, וואס זיי האבען נויטיג געהאט. דער דאזיגער „בעאמטער" — גערופען האט מען איהם קאמפסאר — פלעגט נאמינירט ווערען יעדעס מאל דורכ'ן רעקטאר פון דער אוניווערזיטעט; זיין אפיציעלער טיטעל איז געווען „דער פריווילעגירטער דינער פון דער קראקאווער אוניווערזיטעט", פערשטעהט זיך, אז די סטודענטען האבען דעם יודישען קאמפסאר נישט זעהר פונקטליך צוריקגעצאהלט די הלוואות, דאס רוב האט ער זאגאר נישט געקאנט איינמאהנען זיין געלד און אלס „אפיציעלער" פארשטעהער פון דער אקאדעמיע, האט איהם אויך נישט געפאסט אנצווענדען רעכטליכע מיטלען געגען די סטודענטען.

דער קאמפסאר האט שפעטער אויך געהאט די אויפגאבע צו בעשיצען די יודען געגען די אנפאלען און גרויזאמקייטען פון די סטודענטען.

זייט אנהויב פון 15-טען יאהרהונדערט פלעגען די יודען פרייוויליג אונטערשטיצען די ארימע סטודענטען פון דער קראקאווער אוניווערזיטעט, שפעטער האט מען די דאזיגע שטיצע פערוואנדעלט אין אן'אבליגאטארישען שטייער, וועלכער איז בעקאנט אונטער'ן נאמען „קאזובאלעץ". אזא ארט „קאזובאלעץ" האבען אויך געצאהלט די יודען אין לעמבערג לטובת דער קאטעדראלער שולע אין דער יעזואיטישער קאלעגיע.

צו דעם דאזיגען „קאזובאלעץ" האט אויך געהערט די בעשטייערונג אדער די מתנות לטובת דעם רעקטאר און גרויסע בעאמטע פון דער אוניווערזיטעט, וואס פלעגט געצאהלט ווערען געוועהנליך לויט א ספעציעלען אבמאך מיט געלד און מיט נאטור-פראדוקטען. לויט'ן אבמאך פון יאהר 1752 צ.ב. האט די יודישע קהלה געהאט צו צאהלען אין משך פון א געוויסער צייט דעם אזויגערופענעם פראקוראטור פון דער אקאדעמיע: צו 500 פוילישע גולדען צוויי מאל אין יאהר, יעדען נייעם רעקטאר האט מען געדארפט שענקען א טעפיך דעם רעקטאר פערטיל-יעהרליך 12 גולדען, זיין סעקרעטאר 6 גולדען אלע דריי חדשים, דעם סעניאר פון דער שולע „באזשע ציאלא" צו צוויי גולדען א וואך און די צוויי אויפזעהער — די פערלען — צו גולדען וועכענטליך; די אויפגאבע פון די דאזיגע אויפזעהער איז געווען צו בעשיצען די יודען אין א געוויסען חגא טאג געגען די אנפאלען און פייניגונגען פון די סטודענטען. פריהער פלעגען די יודען צאהלען דעם „קאזובאלעץ" אין נאטור: אזוי פיעל און אזויפיל צוקער, פעפער, צימערינג, זאפראן און אנדערע געווירצען.

געצאהלט האבען די יודען אין משך פון א פאר הונדערט יאהר און א סך געצאהלט; ערשט אין יאהר 1783 האט מען דעם „קאזובאלעץ" אבגעשאפט.

אזוי ארום האבען מיר, פוילישע יודען בייגעטראגען אונזער טייל אויף צו דערהאלטען די פוילישע טעמפלען פון וויסענשאפט און געגעבען די מעגליכקייט נישט איין פוילישען געלעהרטען, טעאלאג אדער הויכען גייסטליכען, מעדיצינער אדער יוריסט צו שטודירען און זיך אויסבילדען, בעפרייענדיג זיי פון די מאטעריעלע זארגען בעת זייער שטוריום. און פיעל פון זיי זענען זיכער געווען די עלטער-זיידעס אדער עלטער עלטער-זיידעס פון די היינטיגע אקאדעמיקער, וואס שלאגען יודען, און פון די היינטיגע רעקטארען, וועלכע פיהרען איין געטא בענק פאר יודען.

ווען מיר וואלטען געקאנט ארויסגעהמען די אלטע קאנטא-ביכער פון די ארכיוון פון דער יאגעלאנישער אוניווערזיטעט אין קראקא און פון אנדערע אקאדעמיעס און קאלעגיעס, ווי אין לעמבערג צ. ב., און נאכוועהן געניו, וויפיל די פוילישע יודען האבען איינגעצאהלט לטובת די דאזיגע שולען אין משך פון דער לאנגער צייט, און נאכקאנטראלירען די סומעס, וואס די פוילישע סטודענטען האבען נישט בעצאהלט זייערע יודישע געלד באַרגער, וואלטען מיר היינט געקענט צושטעלען א גרויסע און לאנגע רעכענונג די אוניווערזיטעטס סענאטען און די רעקטארען פון די הויכשולען; פיעל פון זיי וואלטען געמוזט אראבלאזען די אויגען פערגלייכענדיג דערביי די פאטריאטישע טהאט פון די יודען, וועלכע האבען מיט זייערע פאלקס-גראשענס, מיט זייער שווייס און פראצע געשיצט די פוילישע וויסענשאפט און די פוילישע שטודירענדע יוגענד, און — ווי אזוי מ'דאנקט זיי איצט אב דערפאר, איצט אין אונזער צייט, אין 20-טען יאהרהונדערט, נישט דעמאלס, אין דער צייט, ווען מען האט נאך געברענט מענשען אויף שייטער-הויפענס.

מ. גראס—צימערמאן

באלפור - דעקלאראציע — פאלקס - דעקלאראציע

(צום אנהויב פון דער „קרן-היסוד"-אקציע אין פוילען)

דאס איז אונזער וועג אין דער וועלט — דאס איז דער ציוניזם: אייביגער אנהויב. מיר בויען אונזער לאנד אין ארימקייט, אין אומרוה, אין קאמף, מיט דער קראפט פון פערצווייפלונג, מיט אונצושטערבארער האפנונג. אין טעג און אין נעכט פון שטורם און געפאהרען זענען אויסגעוואקסען אין ארץ-ישראל צעהנדליגער נייע יודישע פונקטען — אזוי וועלען מיר ווייטער וואקסען, אין חולה, אין עמק, אין גליל, אין שטעדט און אין דערפער: זייט געשטארקט, ברידער!

אפט ווערען מיר אבגעשטעלט, צוריקגעווארפען אינמיטען בויען — מיר זאמלען אויפסניי אונזער קראפט. דאס איז די טראגיק און די גרויסקייט פון אונזער אויפגאבע. קיינמאל האט קיין פאלק אויף דער וועלט נישט גענומען אויף זיך אזא גראנדיעזען עול, ווי מיר, יודען פון איצטיגען דור, אויסדערוועהלטע צו טראגישע יסורים, צו חבלי גאולה.

נישט קיין פאניק, ברידער, נישט קיין היסטעריק! פראספעריטי האט אונז נישט פער'שיכור'ט און דער קריזיס שרעקט אונז נישט. מיר קענען דעם וועג. מיר קומען צום ציל — מיטאייער ווילען, מיט אייער קראפט, ברידער אין דער גאנצער וועלט. איהר האט מיטגעשאפען די יסודות פון אונזער נאציאנאלער פרייהייט, איהר האט אויפגעריכט דאס יודישע פאלק — איהר זייט מיטפעראנטווארטליך פאר זיין קיום, פאר זיין כבוד.

מיר האבען געגען זיך א וועלט מיט שונאים, אבער מיר האבען אויך פריינד אין דער וועלט — און דער עיקר: מיר האבען געפונען זיך אליין. פערלירט אייך נישט, ברידער! די וועלט איז גרויזאם, די וועלט האט הארטע משפטים. וועה וועט זיין צו אונז, ווען מיר וועלען זיך אונטערגעבען און פאלען.

אונזערע בריקען זענען פערברענט. נישט קיין וועג צוריק, נאר פאראויס! אזוי מוזען מיר קעמפען און בויען — טאג פאר טאג, טריט ביי טריט, מיט שטארקע הענד, מיט ריינע הערצער. מיר האבען נישט קיין מאכט אין דער וועלט, אבער מיר האבען דעם ליידענשאפטליכען ווילען צו פרייהייט. מיר האבען די קראפט פון מסירת נפש: לאמיר זיך דערהויבען, ברידער!

דער ציוניזם האט ארויסגעפאדערט די געשיכטע. טויזענדער יאהרען זענען מיר געגאנגען אין דער וועלט בארג אראב — דער ציוניזם האט אונז געלערנט געהן בארג ארויף. פערציג יאהר געהען מיר דעם ווייטען וועג — מיר שטעהען אין סאמע מיטען. שווער דער וועג און שטיינערדיג? דער ציוניזם האט אונז געלערנט קעמפען געגען דעם גורל. ער האט אונז געלערנט היילען און היילִיגען אונזער קראנק לעבען. ער האט אונז דערהויבען צו א נייער גלויביגקייט: דאס איז די קראפט, מיט וועלכער מיר וועלען זיעגען.

שטורם און כאאס שרייען איבער אונזערע קעפ: עס איז די צוועלפטע שעה. יעדע שעה אין אונזער גלות איז די צוועלפטע שעה: אייביג שלאגט זי. הערט דעם נויט סיגנאל! לאמיר זיך גרייטען, ברידער! מיר זענען אויפגערופען געווארען — זאל זיך קיינער נישט איינרעדען, אז ער וועט ארויסכאפען זיין אייגען, קליין לעבען פון דער גרויסער טראגישער פאלקס-שותפות! זאל קיינער נישט גלויבען, אז מען נארט אב דעם גורל, אז מען ענטלויפט פון פראנט!

אויף אלע פראנטען פון דער וועלט קעמפען מיר פאר אונזער לעבען, פאר אונזער כבוד, פאר אונזער צוקונפט, פאר אונזער איינינקייט. אבער דער הויפט-פראנט פון אונזער קאמף איז דער איגערליכער. מיר קעמפען געגען אומגעטריישאפט אין אונזער אייגענער מחנה, געגען מאראלישער אבגעלאזענקייט, געגען דער טעמפער אויבערחכמה פון זאטע ציניקער, פון פחדנים און דעזערטירען.

פערשטארקט דעם אינערליכען פראנט, ברידער, דעם פראנט פון קאמף און אויפבוי! צוואנציג יאהר נאך דער באלפור-דעקלאראציע מוז קומען די פייערליכע דעקלאראציע פונ'ם יודישען פאלק, א דעקלאראציע פון קאנסטרוקטיווען ווילען, פון אחדות און ווירדע. גענוג טומעל! גענוג מחלוקה! ציוניזם איז עבודה בצבור — לאמיר זיך אלע מצרף זיין! מיט אונזער שאפערישער ארבייט וועלען מיר גובר זיין גזרות און מכשולים — מיט אונזער שאפערישער ארבייט וועלען מיר זיעגען!

וואס געהערט, וואס געזעהן.

פערקלאפען די פענסטער...

דאס נייע בית המדרש „אהל נחום", וואס איז אויפגעבויט געווארען מיט 2 יאהר צוריק, איז א גוט ציעל ברעט פאר די כוליגאנעס, וועלכע לערנען זיך ווארפען שטיינער אין די שויבען. און מערקווירדיג: יעדער שטיין טרעפט און אפט מאל ווערען פון איין שטיין אויסגעהאקט עטליכע שויבען מיטאמאל.

די בית-המדרש גבאים ווערען מיעד פון לאזען אריינשטעלען נייע שויבען, וואס ווערען באלד צוריק אויסגעהאקט. שטעהען זיי די בית-המדרש פענסטער אפען און קוקען ווי מיט אויסגעריגענע אויגען אין גאס אריין.

די בית המדרש-מתפללים ווידער זענען די גאנצע צייט פון זייער תפילה-טהון צום בורא עולם אין איין שרעק, אז זיי זאלען נישט געטראפען ווערען מיט קיין שטיין. לכן האבען זיי בעשלאסען זיך צו ווענדען אין דער קהלה מיט דער בקשה, אז מען זאל פערקלאפען די פענסטער פון בית-המדרש מיט ברעטער, אזוי אז מען זאל זיכער זיין, דאס ס'וועט נישט אדורכפליהען קיין שטיין. און די ברעטער, זאגען די יודען, זאלען זיין שווארצע, אלס סימן פון טרויער, פון אבילות נאך די פאר הונדערט שויבען, וועלכע האבען געענדיגט אזוי טרויעריג זייער יונג לעבען. און שטעהן זאלען די ברעטער אזוי לאנג, ביז ס'וועט זיך אויסלייטערען דער הימעל ביי אונז אין פוילען און די זון וועט צוריק אויפשיינען.

אויך ביי נח'ן אין דער תיבה — טענה'ן די יודען — זענען אין דער גאנצער צייט פון מבול די פענסטער געווען פערמאכט און ערשט דאמאלס, ווען אויף דער וועלט איז צוריק רוהיג געווארען, האט מען געעפענט די פענסטער. אויך היינט, כל זמן עס דויערט דער מבול, דארף מען די פענסטער פון בית המדרש פערקלאפען און דוקא מיט שווארצע ברעטער...

יודען אליין העלפען פערשפרייטען דעם גיפטיגען סם.

מיר האבען שוין צענדליגער מאל אויפמערקזאם געמאכט די יודישע געוועלב-אייגענטימער, איבערהויפט די בעקער אייגענטימער, אז זיי זאלען אכטונג געבען אויף דעם פאפיער, אין וועלכען זיי פאקען איין זייערע סחורות און דאס דערפאר, ווייל אפט מאל טרעפט, אז זיי פאקען איין אין אנטיסעמיטישע צייטונגען, און די קויפער פון די סחורות לעזען דאס דאזיגע מיאוסקייט, וואו ס'שטעהט בפירוש געשריבען, אז מען זאל ביי יודען נישט קויפען.

טראץ אבער אלע ווארנונגען און בעמערקונגען טוהען די יודישע געוועלב-אייגענטימער דאס זייעריגע און אזוי ארום העלפען זיי אונדירעקט מיט צו פערשפרייטען דאס גיפטיגע העץ-מאטעריאל.

יענע וואך קומט צו מיר מיינס א בעקאנטער קריסט, א דעמאקראטיש געשטימטער, און ווייזט מיר אנ'„ארענדאוניק". לכתחילה האב איך זיך געוואונדערט און איהם אנגעהויבען מוסר'ן. היתכן, האב איך געמאכט פארוואורפען, ווי קומט צו דיר אזא כוליגאנישע צייטונג, יענער האט מיר אבער געענטפערט, אז אויב א פרעטענציע דארף ער האבען צו מיר, ווייל אט די צייטונג האט ער בעקומען פון א יודישען קרעמער, ביי וועלכען ער האט געקויפט סחורה. מילא — זאגט ווייטער דער קריסט — אויף מיר מאכט אזא צייטונג נישט קיין איינדרוק; ווי ווירקט זי אבער אויף א נאאיווען קריסט, וועלכער וועט אזוי צופעליג דארט אריינקומען און לעזען דעם גאנצען שמוץ, וואס איז אנגעשריבען אויף יודען.

איבערהויפט, וואונדערט זיך דער אויבענדערמאנטער קריסט, ווי קומט דאס, וואס יודען גופא קויפען אזעלכע צייטונגען אלס פאק-פאפיער און דערמיט העלפט מען אליין פערשפרייטען דעם גיפט געגען יודען.

זאגט נאר, איהר יודישע קרעמער! אפשר איז שוין צייט, איהר זאלט זיין מענשען און נישט מיטהעלפען די אנטיסעמיטען אין זייער ברודיגער ארבייט צו פערשפרייטען דעם גיפטיגען סם געגען יודען.

איבריגענס, מאך איך אויפמערקזאם, אז אויב די דאזיגע יודען, ווערמענס נעמען עס זענען אונז בעקאנט, וועלען ווייטער זיך לייכטשעצען דעם בעריהרטען ענין, וועלען מיר פערעפענטליכען זייערע נעמען און זאל די גאנצע שטאדט וויסען ווער עס זענען די יודען, וועלכע העלפען מיט צו פערשפרייטען די אנטיסעמיטישע אגיטאציע.

אין נאמען פון אורבאניסטיק...

דער דאזיגער אויסדרוק איז פאר יודען נישט פרעמד איבערהויפט פאר די יודישע מארקהענדלער, וועלכע האבען דאס געפיהלט אויף זייערע אייגענע פלייצעס. און אויב ס'זענען נאך פערהאנען אזעלכע יודען, וואס ווייסען נישט דעם טעם פון דעם מאכל אורבאניסטיק, וועל איך זיי עס פערטייטשען.

אורבאניסטיק הייסט: פערשענערען, אויסבעסערען, עסטעטיש מאכען. נו, אויב איהר פערשטעהט נאך נישט, וועל איך אייך עס געבען בעסער צו פערשטעהן מיט א משל:

אין אלטען מארק זענען אמאל געשטאנען בוידען, וואו מען האט פערקויפט סחורות. פויערים זענען געקומען צו פאהרען, זיך אבגעשטעלט מיט זייערע פיהרען אין מארק און גלייך צוגעגאנגען צו די בוידען און געקויפט די נויטיגע סחורות. און נישט בלויז פויערים, נאר אויך שטאדטישע איינוואוינער האבען געמאכט זייערע איינקויפען אין די בוידען. געהט דאך אבער די וועלט פאראווערטס, האט די שטאדט פערוואלטונג בעשלאסען לשם עסטעטיק און היגיענע די בוידען און סטראגאנעס אראבצורוימען, און אויב די הענדלער האבען חשק ווייטער זיך צו בעשעפטיגען מיט זייער האנדעל, קאנען זיי דאס מאכען אויפ'ן זאוואדזיער מארק. איז דאך געווארען א בהלה, א געוואלד, א געשריי, היתכן, מיט דעם דאזיגען בעפעהל מאכט מען דאך חרוב הונדערטער פאמיליעס, וועלכע האבען זיך דערנעהרט אין משך פון יאהרען, אבער זייער געשריי און געוויין האט גארנישט געהאלפען, ווייל דער מאגיסטראט האט זיי געענטפערט מיט איין ווארט: אורבאניסטיק! און אין נאמען פון דעם דאזיגען „שם המפורש" מעג מען אלץ טהון.

אדאנק מאקי דעם, וואס דער מארק איז איבערגעטראגען געווארען קיין זאוואדזיע, זענען עטליכע הונדערט יודישע מארק-שטעהער געווארען מחוסר לחם. וואס מאכט דאס אבער אויס, אבי ס'איז אדורכגעפיהרט געווארען דער הייליגע" אורבאניסטיק סיסטעם.

אמת, מענשען האבען צוליעב דעם פערלוירען זייערע פרנסות, דערפאר אבער איז דער נייער און אלטער מארק אויסגעפוצט אין גרינעם שמעקדיגען גראז, מיט איין ווארט: אורבאניסטיק...

אין ערשטען יודישען געטאָ

איינדריקען און בעמערקונגען פון א בעזוך אין ווענעציע

ווענעציע מיט איהרע קונסטרייכע מאַרמאָר-פּאַלאַצען, מיט'ן פּלאַץ פון סאַן-מאַרקאָ – דאס איינציגע שטיקעל יבשה, וואס די וואסער-שטאָדט פערמאָגט מיט דעם פּראַכטפולען היסטאָרישען פּאַלאַץ פון די דאָזשעס, וועלכער איז פערבליבען דער איינציגער היסטאָרישער שארית הפליטה און סימבאָל פון דער אַמאָל אַזוי מעכטיגער רעפּובליק. דעם קאַנאַל גראַנדע, וואס ריינגעלט ארום די אינזעל-שטאָדט און צו וועלכען עס ציהען די וואַסער-גאַסען און געסלעך, איז נאָך ביז איצט פערבליבען די אזוי גערופענע „פּערל פון אדריאַטיק“. די דאָזיגע מערקווירדיגע שטאָדט, וועלכע פערשפּרייט זיך איבער 118 קליינע און גרעסערע אינזלען, שטיקער ארויסגעריסענע ערד פון אדריאַטישען ים, פערבונדען צווישען זיך מיט 378 בריקען און בריקלעך, האט אמאָל געשפּילט א גאָר וויכטיגע ראָלע אלס האַנדעלס צענטער פאר גאַנץ אייראָפּע און דער עיקר פאר'ן נאָהנטען און וויטען מזרח. אין ווענעדיגער פּאָרט פלעגען אָנקומען שיפען פון אלע עקען וועלט, ברענגענדיג אהין טייערע זיידענס, קאָלאָניאַל-פּראָדוקטען, איידעלע שטיינער, גאָלד, זילבער, אַלץ, וואָס דער מענשליכער יצר הרע האט נאר געקענט פערלאנגען און אויסטראַכטען.

די דאָזיגע וואונדערבארע שטאָדט, וואס איז א קימא לן מיט א יאהר 150 צוריק געווען א מעכטיגע רעפּובליק, האט געטראָגען אַנ'אינטערנאציאָנאַלען כאראקטער, ווייל דאָרט פלעגען זיך צונויפקומען סוחרים פון פערשידענע לענדער, פעלקער און ראַסען. ס'איז פערשטענדליך, אַז אין דער רעפּובליק, וואו ס'האָט זיך קאָנצענטרירט דער וועלט-האַנדעל, זענען די אחינו בני ישראל, אלס די הויפּט-סוחרים פון יענער צייט נישט געווען קיין זעלטענהייט. און אָט דער מעטראָפּאָליע פון האַנדעל האבען זיי קיינמאָל נישט געפעהלט. אָבער היסטאָריש לאָזט זיך פעסטשטעלען דאס ענטשטעהן פון יודישען קיבוץ אין ווענעדיג ערשט אין אָנהויב פון 12-טען יאהרהונדערט, ווען ס'עקזיסטירט שוין דאָ א גרויסע יודישע קהלה. די ערשטע יודען, וואס האבען זיך בעזעצט אין דער ווענעדיגער רעפּובליק האבען געשטאמט פון דייטשלאנד. דערנאָך זענען געקומען יודען פון די מזרח-לענדער. אין דער צייט פון גירוש שפּאַניען בעזעצען זיך דאָרט א היבשע צאָהל שפּאנישע און פּאָרטוגעזישע יודען, צווישען זיי – נישט קיין קליינע צאהל מאַראַנען און אנוסים. די ווענעציאנער יודען אלס געניטע און פעהיגע סוחרים, האבען זיך לייכט צוגעפּאסט צום האַנדעל כאַראקטער פון דער רעפּובליק און אין משך פון א קורצער צייט אָנגעהויבען צו שפּילען גאָר א וויכטיגע ראָלע אין ווענעציע. די קריסטליכע סוחרים, פאר וועלכע די יודען זענען געוואָרען א גרויסע קאָנקורענץ, האבען געזוכט עצות ווי אזוי צו פערפינסטערן דאס לעבען און אָנצוטהון צרות די יודען. נישט לאנג וואַרטענדיג בעשליסט די ווענעדיגער „סיגאָנציאַ“ און יאהר 1394 אויפ'ן פאָרשלאָג פון די קריסטליכע סוחרים, וועלכע זענען געווען די פּאַקטישע הערשער פון דער רעפּובליק, איינצופיהרען פאר יודען דעם שאַנדצייכען, די אזוי גערופענע „געלע לאַטע“.

אָבער דערמיט אליין האט מען זיך נישט בעגנוגענט. די בעריהמטע שטאָדט האט זיך קונה-שם געווען און וועט אייביג זיך פערשרייבען מיט „גאָלדענע אותיות“ אין אונזער גלות געשיכטע דערמיט, וואס זיי האבען די ערשטע „בעגליקט“ און בעשאָנקען דאס וועלט-יודענטום מיט אזא שעהנע היסטאָרישע מתנה ווי דאס געטאָ.

אגב אורחא דאַרף דאָ בעמערקט ווערען, אז דאס וואָרט געטאָ איז אַן'איטאַליענישעס. יאָ, די מעכטיגע ווענעציאנער רעפּובליק האט אין יאהר 1516 איינגעפיהרט פאר איהרע יודען דאס ערשטע געטאָ אין דער גאָרער וועלט, פערשפּאַרענדיג זיך אין די ענגע שמוציגע מויערען פון דער אינזעל. מ'האט אָט דעם יודען קוואַרטאַל גערופען „דזשוצעקאַ“ אָדער „געטאָ גואָווא“. און מ'מוז מודה זיין, אז די דאָזיגע „געניאַלע“ ווענעציאנער ערפינדונג האט זיך שנעל פערשפּרייט איבער אַלע לענדער פון אייראָפּע און אויך ווייטער אויסער אייראָפּע.

די ערשטע ווענעציאנער געטאָ-יודען האבען אָבער אין די ענגע, שמוציגע וואסער-גאסען און געסלעך ענטוויקעלט אזא פילפאַרביג גייסטיג לעבען. א סך פון דער קריסטליכער ווענעציאנער אריסטאָקראַטיע פלעגען אָפּט דאָרט קומען, כדי צו פערברענגען צווישען יודען... אין דער יודישער וועלט האט זיך דאס געטאָ פון ווענעציע קונה שם געווען מיט זיינע צאהלרייכע קונסט-מאָלער, שניצער, אַרכיטעקטען, גאָלד-שמידען, בעריהמטע פּאָעטען, שרייבער, געלערנטע און פּאָליטיקער, ווי דון יצחק אברבנאל, דון יוסף נשיא, שלמה אשכנזי און אזעלכע בעריהמטע אין זייער צייט פערזענליכקייטען ווי עמנואל הדומי, ראָבערט אַזיאַן פון נעאַפּאָל, שמואל חיים לוצאַטאָ און פיעל אַנדערע גרויסע יודען, וועלכע ס'איז אוממעגליך אין די ענגע ראהמען פון א צייטונגס-אַרטיקעל אויסצורעכענען.

מיר טאָרען אויך נישט פערגעסען פון דער ריזיגער צאָהל רבנים, אמת'ע מאורי-הגולה און סתם גרויסע תלמודיסטען, וואס האבען דאָרט ענטוויקעלט זייער פרוכטבארע גייסטיגע טעטיגקייט.

די שווער געשמידטע אייזערנע געטאָ-טויערען פון ווענעציע זענען ערשט אויפגעריסען און פערניכטעט געוואָרען אין אָנהויב פון 19-טען יאָהרהונדערט, בעת נאַפּאָלעאָן דער ערשטער האָט פערנומען איטאַליע. אין יענעם היסטאָרישען טאָג זענען די ווענעציאנער רייכע יודען די ערשטע ארויס פון געטאָ און זיך פריי צעשפּרייט איבער די אינזלען פון דער שטאָדט, איבערלאָזענדיג אין ענגען געטאָ זייערע אָרימע ברידער ס'רוב בעלי מלאכות.

א שפּאָר ביסעל צייט שפּאצירט מען פון סאַן-מאַרקאָ פּלאַץ איבער פערשידענע וואסער-גאַסען און געסלעך און יעדע פּאָר טריט מוז מען דורכגעהן א גרעסער אָדער קלענער בריקעל ביז מען דערגרייכט ענדליך דאס געטאָ. דער כאַראַקטער און פּרצוף פון דער אומגעגענד זאָגט אונז שוין אָן, אז מיר געפינען זיך אין דער נאָהנט פון ערשטען יודישען געטאָ אין דער וועלט. פאַר אונזערע אויגען ענטפּלעקט זיך דאס גוט בעקאַנטע געטאָ-בילד, קליינע ענגע פינסטערע געסלעך, אין וועלכע די זון גנבעט זיך אריין אמאָל אין א יובל, ס'רוב טאַקע אין די לעצטע מינוטען, ווען זי האלט שוין ביים אונטערגעהן. דער אייביג בלויער איטאַליענישער הימעל שענקט דעם יודישען געטאָ אין ווענעציע בלויז א פּאָר שמאָלע פּאַסען. די גרויסע, אָפּגעריסענע הויכע הייזער מיט די לאַנגע טונקעלע קאָרידאָרען, געבויט אין אלטען ווענעציאנער סטיל, מאַכען אויפ'ן בעזוכער א מאָדנעם איינדרוק, פון די אָבגעלאָזענע אָבגעבליאַקעוועטע אַלטע געטאָ-הייזער, קוקען ארויס הערליכע פרויען-געשטאַלטען, אָנגעטהון אין ווענעציאנער טיכער און שאַלען. זייער טונקעל-ברוין געזיכט מיט די קויל-שוואַרצע צאַפּלדיגע אויגען זאָגען עדות, אז מיר האבען פאר זיך דעם ספרדישען טיפּ. איבער די ענגע, שמוציגע געסלעך טראָגט זיך א געשריי און ליאַרם פון אויסגעדאַרטע יודישע קינדערלעך מיט קאַלך-ווייסע פּנים'ער, קריע ובליעדיג אָנגעטהון. זיי פערכישופן דיך מיט די שוואַרצע דימענט-אויגען. דער געטאָ-דלות לאָזט זיך דאָ פיהלען אויף שריט און טריט. גענוג צו כאַפּען א בליק אינעווייניג אין די ענגע ד' על ד' דירה'לעך וואו ס'לעבט א פאַמיליע פון 8 אָדער 10 גאָטס בעשעפּענישען. דאָ לעבען נאָך ביים היינטיגען טאָג די אָרימסטע יודען, סרוב בעלי מלאכות און פּשוטע ארבייטער, ווייל דאס ביסעל גבירים זענען שוין, ווי געזאָגט, לאנג פון געטאָ ענטלאָפען און זיי וואוינען אין מאַרמאָר-פּאַלאַצען.

(סוף קומט).

וועגען דער סכנה פאַר'ן יודישען בוכהאַלטער

זייט א געוויסע צייט בעווייזען זיך אָפּט אין דער פרעסע נאָטיצען וועגען א געזעץ פּראָיעקט, וואס זאָל רעגולירען דאס בוכהאַלטערען-פאַך. די יודישע פרעסע האט זיך באַלד אָריענטירט און רופט אָן דאס קינד ביים נאָמען: „דאס נייע צעכען-געזעץ“; די פּוילישע פרעסע דאַגעגען רעדט נור וועגען דער נויטווענדיגקייט צו מאַכען אָנ'אָרדנונג אין דעם פאַך גלייך ווי ס'איז געמאַכט געוואָרען אין די פּשוט'ע האַנדווערקער-פאַכען: שוסטעריי, שניידעריי א. א.

די ראָל פון'ם בוכהאַלטער אינ'ם ווירטשאַפטליכען לעבען, ספּעציעל אין די נאָכ'מלחמה'דיגע יאהרען איז פּאַקטיש זעהר גרויס. עס גענוגט שוין נישט פאַר'ן בוכהאַלטער צו קענען טעאָרעטיש בוכפיהרונג, א בוכהאַלטער מוז אויך היינט קענען גענוי די שטייער געזעצען און זיין א בקי אין דעם האַנדעלס קאָדעקס, שוין אָבגערעדט פון די אהן א שיעור נאָוועלען און צירקולאַרען, וואס ערשיינען יעדע פּאָר טעג. דאס דאָזיגע נעמט זיכער אין אכט יעדער אונטערנעהמער ביים אַנגאַזשירען א פאַכמאַן צו דער בוכפיהרונג.

די צענטראַלע פון די פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען פון די יודישע בוכהאַלטערען האט טאַקע אָנגעוויזען דערויף, אז אין דער פראַגע פון קוואַליפיקאַציע און פעהיגקייט פון בוכהאַלטער קאָן מען זיך פערלאָזען אויפ'ן אויסוואַהל פון אונטערנעהמער, ס'איז דעריבער נישט נויטיג צו שאַפען רעגולאַציע-געזעצען.

די און נאָך אנדערע לאָגישע אַרגומענטען זענען ארויסגערוקט געוואָרען געגען איינפיהרען די נייע צעכען-גזירה, וואס דערמאָנט דעם מיטעלאַלטער.

מיט דעם דאָזיגען פּראָיעקט האבען זיך אָרומגעטראָגען די אנטיסעמיטישע פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען זייט יאהרען. זיי האבען געוואָלט שאַפען אזא מין פּריווילעגירטע קאַסטע פון געשוואוירענע בוכהאַלטערען, וואס זאָלען זיין בערעכטיגט צו בעשטעטיגען בילאַנסען פאַר א געהעריגען האָנאָראַריום. געגען האט זיך אָבער קאַטעגאָריש ארויסגעזאָגט דאס פינאַנץ מיניסטעריום, ווייל אין די אינטערעסען פון דער שטייער-מאַכט ליגט דווקא, אז וואס מעהר אונטערנעהמער זאָלען פיהרען ביכער און יעדע בעגרעניצונג אויף דעם געביעט מוז האבען א פערקעהרטע ווירקונג. קאַטעגאָריש געגען דעם זענען אויך ארויסגעטרעטען די האַנדעלס קאַמערן און אפילו די שווער-אינדוסטריעלער.

די אלע פּראָיעקטען זענען דעריבער געלונגען אין די אַקטען פון די מיניסטעריום'ס ביז די לעצטע צייט, ווען די נייע ווינטען האבען געשאַפען די גינסטיגע אַטמאָספערע און ס'האלט דערביי, אז דער פּראָיעקט זאָל ווערען אָנגענומען, טראָץ דער געגנערשאַפט פון די אויבען אָנגעגעבענע קאָרפּערשאַפטען און געגען די אינטערעסען פון די פעראינטערעסירטע: בוכהאַלטערען און אונטערנעהמער.

בכדי בולט'ער צו מאַכען די כוונה פון די אויטאָרען פון'ם פּראָיעקט וועט גענוג זיין אָנצוגעבען, אז אינ'ם געזעץ-פּראָיעקט ווערט געפאָדערט אַנ'עקזאַמען אפילו פון בוכהאַלטערען, וואס אַרבייטען שוין זעלבסטשטענדיג אין זייער פאַך 10 יאהר און מעהר, ד. ה. אז טראָץ דעם, וואס ס'פּראַקטיצירט זיך, אז פון יעדער פּראָיעקטירטער בעגרעניצונג ווערען אויסגעשלאָסען די דאָזיגע, וואס זענען אינ'ם טאָג, ווען דאס געזעץ געהט אריין קראַפט, טעטיג אין זייער פאַך, ווערט דאס מאָל געמאַכט אַנ'אויסנאַהם און אלע מוזען אונטערליגען דער עקזאַמען-קאָמיסיע, וואס וועט בעשטעהן פון פאָרשטעהער פון פינאַנץ-מיניסטעריום, האַנדעלס מיניסטעריום און האַנדעלס-קאַמערן. אינטערעסאַנט וועט זיין צוצוגעבען, דאס די פּוילישע פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען (פון בוכהאַלטערען), וועלכע פאָרסירען דעם צעכען-פּראָיעקט האבען רעזיגנירט פרייוויליג פון זייערע רעכט צו שיקען אייגענע פאָרשטעהער אין די עקזאַמען-קאָמיסיעס, זיי האַלטען, ווי ס'זעהט אויס, פון'ם מאמר: זכו מלאכתם נעשית ע"י אחרים, ס'מאַכט נישט אויס, זיי האבען אויף וועמען זיך צו פערלאָזען...

די סכנה פאַר דער עקזיסטענץ פון'ם יודישען בוכהאַלטער איז דעריבער גרויס. דאס אלס איז אָרומגערעדט געוואָרען אויף ביידע צוזאַמענפאַהרען, וואס זענען אָרגאַניזירט געוואָרען דורכ'ן אַלגעמיינעם פּראָפעסיאָנעלען בוכהאַלטערען-פעראיין יודישער אין פּוילען. די צוזאַמענפאַהרען האבען ענערגיש פּראָטעסטירט געגען יעדער בעגרעניצונג און צוטריט צום בוכהאַלטערען-פאַך און בעשלאָסען אָנצונעמען שריט אויפ'ן געביט פון הויפּט-ראַט פון די בוכהאַלטערען-פערבאַנדען ווי אויך ביי אלע אַנדערע פעראינטערעסירטע פאַקטאָרען, וועלכע זאָלען פּאַראַליזירען די אַקציע פון די צעכען-אָנהענגער.

א דאַנק דער אַקטיווער געגען-אַרבייט איז פערהאַן אַנ'אויסזיכט צו ליבעראַליזירען דעם געזעץ פּראָיעקט אין דער ריכטונג פון איבערגעבען דאס עקזאַמען-רעכט די פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען פון בוכהאַלטערען ביי דער בעטייליגונג פון רעגירונגס פאָרשטעהער.

י. ר.

מיט דעם ענדיגט עס זיך אָבער נישט. אורבאַניסטיק האט טיעפע סודות און רמזים, און טאָמער הויבט מען דערמיט אָן, ווייסט מען נישט מיט וואס דאס וועט זיך ענדיגען. און אָט האב איך צו פערצייכענען א נייעם אויפטהו, וואס ווערט אדורכגעפיהרט אין נאָמען פון אורבאַניסטיק.

אויף דער וואַרשעווער גאס געפינען זיך מכמה שנים עטליכע הילצערנע ביידלעך, אין וועלכע ס'געפינען זיך פערשידענע אונטערנעמונגען, ווי, למשל, א בלעכער-ווערקשטעל, א האָלץ-סקלאַד, א קיהלען-סקלאַד. אין איין שוסטער-ביידעל וואוינט זאָגאר א גאַנצע פּאַמיליע. פּלוצלינג קומען אַראָב מאַגיסטראַט-אַרבייטער מיט העק אין די הענד און הויבען אָן צו צוהאַקען די ביידלעך. ס'פערשטעהט זיך, אז עס איז געוואָרען א יללה, אַז די גאַנצע וואַרשאַווער גאס איז געשטאַנען אויף איין פּלאַץ, האבען זיך די מאַגיסטראַט-אַרבייטער דערשראָקען און זענען אַוועק צוזאָגענדיג, אַז זיי וועלען קומען אין א פּאָר טאָג ארום. דערווייל זענען די פעראינטערעסירטע געלאָפען אין מאַגיסטראַט מיט א געשריי און געטענה'ט אַזוי צו זאָגען: חשוב'ע אדונים, ווי אזוי קאָנט איהר בעשליסען אויסצופיהרען אזא זאַך, עס איז דאָך פּונקט אזוי ווי א טויט-אורטייל און אפשר נאָך ערגער וואָרום אפילו א צום טויט-פערמשפּט'ן זאָגט מען אויך פריהער אָן דעם פּסק-דין און דאָ האָט איהר געשיקט תּלינים אויספיהרען א טויט-אורטייל איבער אונזערע פּרנסות אָהן א פריהעריגער התראה, והשנית, עס געהט דאָך צו ווינטער, טאָ וואו וועלען מיר זיך אַהינטהון?

איהר ווילט וויסען דעם רעזולטאַט? עטליכע יודישע ביידלעך האט מען שוין איינגעלייגט, פון עטליכע יודישע סקלאַדעס האט מען די דעכער שוין אָראָבגעריסען און די איבעריגע וועלען איינגעלייגט ווערען אין משך פון די נאָהנטסטע טעג.

די פערצווייפלונג פון די עטליכע יודישע פּאַמיליעס איז אין לשער. עס האבען נישט געהאָלפען די אינטערווענצען פון די יודישע ראַטמענער און לאַווניק, דער מאַגיסטראַט האט איין ענטפער: אורבאַניסטיק, מעג עס קאָסטען די עקזיסטענץ פון צעהנדליגער יודישע פּאַמיליעס, און אויב אורבאַניסטיק, קאָן קיין זאַך אין דער וועלט זיך נישט אַקעגענשטעלען.

אויב ס'זענען נאָך געווען ווייניג צרות אויף יודען, איז צוגעקומען א נייע שרעקליכע צרה, וועלכע רופט זיך: אורבאַניסטיק...

א „קליינינקייט“

וועגען אזעלכע „קליינינקייטען“, וואס איך וויל דאָ אייך דערצעהלען, לוינט זיך אפילו נישט אָבצושטעלען. גאָר פּשוט, ווייל קיין אויסטערלישעס איז עס נישט, אזעלכע „קליינינקייטען“ טרעפען זעהר אָפט און קיינער שטעלט זיך נישט אָב דערויף. אויב אָבער איך וויל דאָסמאָל יאָ דערצעהלען, איז עס דערפאַר, ווייל די „קליינינקייט“ האט פּאַסירט אין אַן'עמענטליכער אינסטיטוציע און א גרויסע צאָהל מענשען האבען עס אליין געזעהן מיט זייערע אויגען.

פאַריגען שבת האט א מיידעל, וועלכע איז געקומען אין „תומכי-עניים“ נאָך ברויט, גע'חלש'ט ווען מען האט זי אָבגעמונטערט, האט זיך ארויסגעוויזען, אז זי האט גע'חלש'ט פאר הונגער.

לצולם, האט זיך געשטעלט א פראַגע: דאס מיידעל האט דאָך געקאָנט נעמען דאס ברויט, וואס זי האט בעקומען און עסען. ווייזט זיך אָבער ארויס, אז א גאַנצע וואָך האט דאס מיידעל געהונגערט און ווען זי איז שבת געקומען און דערזעהן ברויט און ווייסע חלה, האט איהר פּעקלעמט ביים הארצען און זי האט גע'חלש'ט.

ענטשולדיגט, רבותי, וואס איך האָב אייך דערצעהלט אזא אין פּלוג גענומען א „נישטיגע קליינינקייט“, וואס איז עפ"ל קאַליע צו מאַכען אייער גוטע שטימונג. כ'האָב אָבער נישט געקאָנט אדורכגעהן דעם דאָזיגען פאַל, וועלכער איז איינער פון א סך, וואס טרעפען טאָג-טעגליך ביי צעהנדלינגער און הונדערטער יודישע פּאַמיליעס, נאָר קיינער לייגט נישט דערויף קיין אַכט.

זאָל די דאָזיגע „קליינינקייט“ דערמאָהנען די הונדערטער יודישע משפּחות, וועלכע ווילען נישט געבען קיין ברויט פאַר די „תומכי-עניים“, אז זייער געוויסען וועט נישט זיין אין אָרדנונג, אויב צוליב זייער האַרטקייט וועלען פּאָרקומען א סך אַזעלכע, ווי די אויבענדערמאָנטע קליינינקייטען...

ער דאַרף נעביך פּרנסה...

עמך ישראל צרוכין פּרנסה – דאס איז א וואָרט, וואס שפּאַלט די הימלען. אלץ אין דער וועלט וועט מען א מענשען, איבערהויפּט א יודען, מוחל זיין, ווען ער טהוט עפּיס, כדי צו קענען האבען פּרנסה.

און נישט בלויז ערדישע זאַכען בענוצט א יוד, כדי צו האבען פּרנסה, ער פּרובירט אויך צו בעוועגען די הימלען, איהם צוצוהעלפען צו קענען האבען פּרנסה.

ראש חודש אלול אויף די קברי אבות בעט דער יוד, אַז די מתים, וועלכע ווייסען דעם וועג אין הימעל, זאָלען זיך מיהען, וואו מען דאַרף, אז די טויערען פון פּרנסה זאָלען זיך פאַר איהם עפענען. יודען פאָהרען אויך צו צדיקים, צו רביים, און בעטען וועגען פּרנסה.

אָפט מאָל טרעפט אָבער, אַז נישט בלויז יודען, וועלכע זענען מטופל מיט אַ גרויס הויז-געזינד און א נישט קשה'דיגען דלות לייגען איין וועלטען, זיי זאָלען האבען פּרנסה, נאָר אפילו יודען גבירים, וועלכע האבען עטליכע גרויסע הייזער, גוט פּראָספּערירענדע געשעפטען, בעקלאָגען זיך, אַז זיי האבען נישט קיין פּרנסה.

אַזאַ פאַל איז געשעהן דעם לעצטען שבת ביים טיש פון זשאַריקער רבי'ן. זיצען ארום יודען און הערען די תורה, וואס עס זאָגט דער רבי, דאַן טרינקט מען „לחיים“, און בעת דער בפוואוסטער חסיד, גביר אדיר ר' ח. ב. ש., אייגענטימער פון א גרויס געשעפט און פון א הויז אויף אגראַדאָווע און פון א גרויס, ערשט-אויפגעבויט הויז אויף קאָשטשושקע האט דערלאַנגט דעם רבי'ן די האַנד ביים לחיים, האט ער אויסגענוצט דעם דאָזיגען שעת-הכושר און געבעטען דעם רבי'ן מיט א וויינענדער שטימע וועגען פּרנסה. דער רבי האט שנעל צוריקגעצויגען די האַנד און א געשריי געטהון: וואס, אין שבת ביזטו מזכיר וועגען פּרנסה?

דער דערביי-זיצענדער עולם האט געצויגען מיט די פּלייצעס און געטראַכט: רבונו של עולם, אויב אזא גביר'ישער יוד בעט אויף פּרנסה און דאס אפילו אין שבת, טאָ וואס זאָלען מיר, פּשוט'ע יודען, שוין טהון, דאַרפען מיר דאָך כ'ווייס וואס...

ר' ח. ב. ש. איז אָבער פון רבי'נס געבייזער נישט נתפּעל געוואָרען. ער האט בעת דער עולם האט געזונגען זמירות פּערגלאָצט די אויגען, געפּלעסקעט מיט די הענד און געברומט: אוי, טאַטע, כ'דאַרף פּרנסה, פּרנסה...

לויתן

דריי קאָנפערענצן

אין צוזאמענהאנג מיט'ן בעזוך פון ה' נתן ביסטריצקי (ירושלים) זענען אין ווארשא פאָרגעקומען 3 וויכטיגע קאָנפערענצן, וועלכע האבען בעטראכט דאס פּאָדען פראָבלעם מיט דער גאנצער ערנסט און זאָרג פאר דער יודישער צוקונפט אין ארץ-ישראל.

אויף דער ערשטער קאָנפערענץ פון די קרן-קימת עסקנים פון די צענטראַלע שטעדט אין פוילען זענען זיך צוזאמענגעקומען קנאפע 150 עסקנים פון 92 צענטראַלעס און מיטעלע שטעדט. די קאָנפערענץ איז געשטאַנען אונטער'ן רושם פון ה' נ. ביסטריצקי'ס רעפעראַט אין וועלכען ער האט איבערגעגעבען וועגען דער דרינגענדער נויטווענדיגקייט איינצולייזען גרעסערע באָדען-שטחים פאר דער יודישער קאָלאָניזאַציע. פאר די בעטייליגטע אין דער בעראַטונג איז קלאָר געוואָרען, אז ס'דראָהט דעם יודישען פאָלק צו פערלירען גרויסע מעגליכקייטען, צו פערוואַנדלען דעם ארץ-ישראל-באָדען אין יודישען פערמעגען, אויב ס'וועלען נישט מאָביליזירט ווערען רעכטצייטיג די געהעריגע געלד-סכומים אין גלות פאר'ן באָדען-קויף אין לאַנד.

די צווייטע קאָנפערענץ — האט מאָביליזירט דעם רוב יודישע ליטעראַטען און זשורנאַליסטען אין ווארשא ווי אויך פון איינציגע פּראָווינץ צענטרען.

צום ערשטען מאל איז אין פוילען צושטאַנדגעקומען אזא צוזאַמענטרעף פון דער יודישער שרייבערישער משפחה און איז געווען בצווידמעט דעם ארץ-ישראל מאָמענט אין דער יודישער ליטעראַרישער שאַפונג און זשורנאַליסטיק.

ביז 200 יודישע שריפטשטעלער און זשורנאַליסטען, וועלכע בענוצען זיך אין זייער גייסטיגער שאַפונג מיט דער העברעאישער, יודישער אָדער פוילישער שפראַך האבען פערבראַכט כמעט א גאנצען טאג ביי דער בעהאַנדלונג פון די עיקר-פראָבלעמען פון דעם יודישען רענעסאַנס.

ה' נתן ביסטריצקי האט אין זיין רעפעראט זיך אבגעשטעלט אויף דער גייסטיגער פערבינדונג צווישען ארץ-ישראל און דעם גלות און האט כאַראַקטעריזירט ארץ-ישראל אלס דעם גייסטיגען אוצר פאר דעם גלות, וואס איז לעצטענס פערפלאַכט און אויסגעלעדיגט געוואָרען פון יעדען ערנסטען און נאַציאָנאַלען אינהאַלט.

אין דעם ויכוח האבען זיך בעטייליגט: רעד. אפּענשלאַק, ד"ר שיפּער, דער העברעאישער שריפטשטעלער יצחק קאצענעלסאָן, רעד. יוסף העפטמאַן, רעד. העלמאַן, יאנוש קאָרטשאַק, רעד. אוגער פון לאָדז, רעד. י. מ. ניימאַן, יעקב לעשטשינסקי און צום שלוס ה' פּראָפ. שאָר.

אלע רעדנער, וועלכע רעפּרעזענטירען די יודישע ליטעראַטור, וויסענשאַפט און פּרעסע אין פוילען האבען אקצענטירט די גרויסע היסטאָרישע בעדייטונג פון דעם קרן קימת נישט נאָר פאר דער שאַפונג פון דעם יודישען דאָרף אין ארץ-ישראל, נאָר אויך פאר דער אויסבילדונג פון די הויכע נאַציאָנאַלע ווערטען מיט וועלכע עס שפּייזט זיך און ווערט געשטאַרקט דאס גלות-יודענטום אין דער גאנצער וועלט.

דער צוזאמענטרעף פון דער יודישער אינטעליגענץ האט ארויסגעגעבען א מאַניפעסט פול מיט אַנערקענונג און בעגייסטערונג פאר דעם קרן-קימת.

די דאָזיגע קאָנפערענץ, וועלכע האט קאָנצענטרירט ארום די פּראָבלעמען פון א"י דאס בעסטע און שענסטע, וואס עס פערמאָגט די יודישע ליטעראַטור און זשורנאַליסטיק אין פוילען וועט וואַרשיינליך זיין א גוטער אָנהויב פאר דער ווייטערדיגער מיטארבייט פון די יודישע גייסט-מענשען מיט די אינסטאַנצען פון דער פּראַקטישער ארץ-ישראל-ארבייט.

די דריטע קאָנפערענץ איז צוזאַמענגערופען געוואָרען דורך דער „וויזאָ" מיט דער בעטייליגונג פון דער קרן-קימת-צענטראַלע.

די יודישע פרוי הויבט אָן צו פערנעמען אלץ א בעדייטענדערן אָרט אין דעם ציוניזם. יאָהרען-לאַנג איז די יודישע פרוי געשטאַנען ווייט פון דער שעפערישער אַרבייט פאר א"י. אין דער לעצטער צייט האבען פּויזענדער יודישע פרויען זיך געשטעלט אין דער ערשטער רייהע פון דער בעפרייאונגס-בעוועגונג.

די ערציהונג פון דעם אונטערוואַקסענדען יודען ליגט אין די הענד פון דער פרוי און מוטער און דעריבער האט דער קרן-קימת, וואס איז פעראינטערעסירט אין דער פערבינדונג מיט'ן יונגען דור- בעשלאָסען צו שאַפען א געמיינזאַמע ארבייט מיט די „וויזאָ"-אָרגאַניזאַציעס אין פוילען.

די קאָנפערענץ האט נאָכ'ן רעפעראַט פון ה' נתן ביסטריצקי א. ד. ט.: „די פרוי — דער גרויסער שאַנס פון דער בעפרייאונגס-בעוועגונג", אַלזייטיג בעהאַנדעלט די פּראָבלעמען פון דעם פרויען-קאַמף פאר דער ציוניסטישער פערווירקליכונג.

דער קרן קימת האט געפונען אין דער „וויזאָ"-בעוועגונג אַ געטרייע טרעגערין פון דעם געדאַנק פון באָדען-אויסלייז אין ארץ ישראל.

אויף דער קאָנפערענץ איז קלאָר געמאַכט געוואָרען דער קאָנטאַקט און מיטארבייט פון „וויזאָ" מיט'ן קרן קימת.

די דריי קאָנפערענצען האבען געשטעלט אין צענטער פון דער יודישער אויפמערקזאַמקייט און פון דער ציוניסטישער עפענטליכקייט דאס באָדען-פּראָבלעם אין ארץ ישראל.

דער קרן קימת טרעט צו מיט בעגייסטע כחות צו א גרויסצוגיגער טהאַט פאר'ן באָדען-אויסלייז אין לאַנד.

פון קליינהענדלער - פערבאַנד.

זונטאג, דעם 31 און מאנטאג, דעם 1 נאָוועמבער ה. י. זענען אין לאָקאַל פון קליינהענדלער-פערבאַנד פאָרגעקומען פערזאמלונגען פון פאָלגענדע האנדעלס-סעקציעס: 1) קאָלאָניאַל-ספּאָזשיוויטשע, 2) גאַלאַנטעריע קאָנפעקציע, 3) שיך און לעדער און 4) געפליגעל און ווורשט-אויסארבייטונגען. די פערזאמלונגען זענען געווען צאַהלרייך בעזוכט דורך מיטגלידער און אויך נישט-מיטגלידער.

אויף די פערזאמלונגען האט דער דירעקטאָר מ. מאַנטע געהאַלטען רעפעראַטען אויף דער טעמא: א) די טעכניק אין האַנדעל, ב) סאַניטאַרע כללים און דאס עסטעטישע אויסזעהן פון א געוועלב, ג) דער פּראָיעקטירטער בילדונגס-צענז אין ליכט פון אינדוסטריע-געזעץ, ד) די געפּיהרטע אַקציע געגען באָיקאָט און טעראָר, ה) קרעדיט וועזען פאר דעטאַליסטען און קליינהענדלער. אין דער צווייטער טייל פון רעפעראַט האט דער דירעקטאָר געגעבען א קלאָרע אַנאַליז וועגען שטייער-ענינים, וועלכע האט ארומגענומען די פראַגע פון רישאַלטירטען אומזאַץ-שטייער אויף די יאָהרען 37–1938, די לעצטע אויסמעסטונג פון אומזאַץ און הכנסה-שטייער פאר'ן יאָהר 1936 און דער אָבוועהר-סיסטעם פון אבגעבען רעקורסען לויט דער פערפליכטענדער שטייער-אָרדינאַציע, די פּאַטענטען-פראַגע אויפ'ן יאָהר 1938 און איהרע הנחות.

די רעפעראַטען, וועלכע זענען געוועזען פערזעהען אין א רייכען זאַכליכען און בעלעהרענדען מאַטעריאַל, זענען אויסגעהערט געוואָרען מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט. עס האבען אויך אָבגעגעבען בעריכטען פון דער טעטיגקייט פערוואַלטונגס-מיטגלידער.

צום סוף זענען געוועהלט געוואָרען פערוואַלטונגען פון פאָלגענדע פערזאָנען: סעקציע קאָלאָניאַל - ספּאָזשיוויטשע: זיידמאַן יוסף, מונאָוויטש ישראל, עסטרייכער פנחס, פּרזשעראָוויטש און גריינצער יצחק.

גאַלאַנטעריע: ראַטענבערג יצחק-מאיר, ראָזענצווייג אברהם, פּיינער צדוק, שוויאַטלאָווסקי אברהם, בעער יחזקאל, וונוק יצחק און פראַנק משה.

שיך און לעדער: פּפעפער אברהם משה, מידלאַזש א., ראָזענבערג יוסף, בערקאָוויטש הנן און באַרמהערציג שמואל.

געפליגעל: קוויגטא דוד, יאַקובאָוויטש אברהם, רזשעזשאַק יעקב, קייזער ל. און ווייגאַרטען ישראל.

עס זענען צווישען אלע אַנדערע בעשלוסען אָנגענומען געוואָרען דער פאָרשלאַג צו בעאויפטראַגען די ניי-געוועהלטע פערוואַלטונגען צו רופען אָזעלכע פערזאמלונגען אָפט און אויך בעקענען די געוועהלטע זאַכקענער מיט זייערע רעכטען ביים שאַצען אין די אָרטיגע שטייער-אַמטען.

די ערעפנונג פון א נייעם קצבים-צעך.

צוליעב א גאַנצע רייהע סיבות און איבערהויפּט צוליעב דער שחיטה-גזירה האבען די קאָנצעסיאָנירטע קצבים פון כשרע שחיטה געעפענט א בעזונדערען צעך פון קצבים און וואורשטען-מאַכער.

דעם פאָרזיץ פיהרט דער פאָרשטעהער פון דער האַנדווערקער-קאַמער ה' מושיאַל.

אלס סטאַרשי איז געוועהלט געוואָרען נאַפּאַרטי, אלס פּאָד-סטאַרשי ה' ווייכמאַן. אין דער פערוואַלטונג ה. ל. גאַבעל, י. טשעטשורא, ש. טשאַפּניק, י. קאַווא, י. ווײַנטרויב, א. שטשערבאַלא, ש. פעדערמאַן, ה. ל. געלבער, א. פּ. שייגערט. פערטרעטער: ק. גאַבעל, ל. באום, פּ. טשארנע, מ. שטשערבאלא, מ. פייערשטיין, ש. געלבער, א. וואָלפאָוויטש, א. געלבער און י. ווייסמאַן. אין דער רעווידיר-קאָמיסיע די ה"ה: א. פאָרבערג, ש. יאַקובאָוויטש און ח. פאָרבערג.

ראַט. ה' ש. קאַץ בעגריסט דעם צעך אין נאָמען פון דער האַנדווערקער-קאַמער און שטרייכט אונטער, אז דאס שאַפען דעם נייעם צעך איז נאָר געשעהן א דאַנק ריינע פּראָפעסיאָנעלע פּראַגען און האט נישט קיין שום אויפגאַבען צו קאָנקורירען מיט'ן אַלטען קצבים צעך. ראַט. י. גאָלדבערג בעגריסט אין נאָמען פון צענטראַלען האַנדווערקער-פערבאַנד.

אין אָוועגד איז פאָרגעקומען א באַנקעט.

פון בוכהאַלטערן - פעראיין.

מאנטאג, 8.30 אָוונד וועט אין לאָקאַל פון בוכהאַלטערן-פעראיין, פּילסודסקי גאס 11, פאָרגעלעזען ווערען די נייעסטע צירקולאַרען און אורטיילען פון העכסטען אַדמיניסטראַטיווען טריבונאַל וועגען בוכהאַלטערישע און שטייער-ענינים.

איינגאַנג פריי פאר מיטגלידער און נישט-אָרגאַניזירטע בוכהאַלטערן.

די סינאַגאָגע - רעדעס פון ד"ר י. טהאָן ערשיינען צו זיין ערשטער יאָהרצייט.

ווי מיר דערוויסען זיך, ווערען שוין פּאָרענדיגט די אַרבייטען ארום דעם פּערעפענטליכען פון די פוילישע שריפטען פון ד"ר יהושע טהאָן. דער ערשטער באַנד סינאַגאָגע רעדעס פון גרויסען נפטר, וועט שוין אין גיכען ערשיינען, אין צוזאמענהאנג מיט דער יאָהרצייט. ווי בעוואוסט ווערען די פוילישע כתבים פון ד"ר טהאָן ענטהאַלטען 5 בענדער: 3 בענדער פּרעדיגטען (בעאַרבייט פון ד"ר פּעפּער) און 2 בענדער ליטעראַרישע, וויסענשאַפטליכע און פּובליציסטישע שריפטען, רעדעס און בריעף (בעאַרבייט פון ד"ר בלאַטבערג).

די כתבים ערשיינען אין פערלאַג פון ד"ר שמעון זיידען אין קראָקא.

פון קולטור - קרייז ביים י. ט. ס. פּ. „מכבי".

דער קולטור-קרייז ביים „מכבי" אָרדענט איין היינט פרייטאג צו-נאַכטס 8.30 א זייגער א חברים שמועס א.ד.ט.: „די שטעלונג פון דער פוילישער געזעלשאַפט צו דער בענק פראַגע אויף די אוניווערסיטעטען". איינלייטען און אָנפיהרען מיט'ן אָוונד וועט אַפּל. אדוו. י. קרושעפּיצקי, געוו. פּרעזעס פון יודישען סטודענטען-פעראיין פאר געגענזייטיגער הילף ביים ווילנער אוניווערסיטעט.

— די גימנאַסטישע דאַמען-איבונגען קומען פאר רעגולער יעדען מאנטאג און מיטוואָך פון 8 ביז 9 א זייגער אָוונד אונטער דער לייטונג פון מגר. פּרל. היטנער. אין קורצען ווערט געשאַפען א נייער קאָמפּלעט.

פון תנועת תורה ועבודה

שבת-צו-נאַכט'ס פּ' תולדות ב' כסלו דעם 6 ד. ח. פּונקטליך 7 א זייגער קומט פאר די אַלגעמיינע פערזאמלונג און וואַהלען פון א פרישען ועד מיט דער בעטייליגונג פון ח' הרב ראובן האַראָוויץ שליט"א מיטגליד פון דער הנהלה הראשית.

אלע חברים-ות ווערען אויפגעפאָדערט צו קומען פּונקטליך.

פון ווילנע

ענדעק מאריאן טױשלער בעקומען פאר די נאָז

אויף דער פערזאמלונג פון גרינדען א קאָמיטעט לכבוד'ן 11 ליסטאָפּאַד

פערגאַנגענעם פרייטאג-צו-נאַכט איז גערופען געוואָרען דורכ'ן ה' סטאַראָסטא א פערזאמלונג צו גרינדען אַ בירגער-קאָמיטעט צו פייערן דעם נאַציאָנאַלען בעפרייאונגס-יום-טוב פון 11-טען ליסטאָפּאַד.

אויף דער פערזאמלונג זענען געווען פערטרעטען אלע פּאַרטייען און שיכטען, דערונטער אויך יודען (פּרעזעס פון דער קהלה, דאָקטוירים, לעהרער).

דער פאָרזיצענדער ה' סטאַראָסטא, האט פאָרגעלעזען דעם ברייטען פּראָגראַם פון דער פייערונג, ערקלערענדיג, אז פון היי-יאָהר איז דער יום-טוב אַנערקענט אלס מלוכה'שער, דעריבער דאַרפען זיך אלע בירגער אָהן אונטערשיד פון גלויבען נעמען אין איהם א וואַרימען אנטייל.

עס נעמט דאס וואָרט דער ענדעק מאריאן טיזשלער, וועלכער האט גענומען ארויסשטאַמלען מיט א פויר-רעדע, בכן אז ער מיינט די טובה פון פאָטערלאַנד, בכן מען פייערט אזוי ברייט דעם יום טוב, בכן ר'איז געוואָרען א מלוכה'שער, דעריבער מיינט ער, אז מען דאַרף פייערן דעם יום טוב אָהן... נאַציאָנאַלע מינדערהייטען (א פּנים ער האט נישט געהאט אָדוואַגע צו זאָגען יודען). דאָ אבער האט זיך געגעבען אַ שטעל אויף דער ה' סטאַראָסטא, צוגענומען ביי איהם דאס וואָרט, זאָגענדיג, איך האב געמיינט, אז איהר האט צו זאָגען עפּיס קלוגערס און נישט וועלען אריינפיהרען א כאָאָס צווישען די בירגער. מעהר ערלויב איך אייך נישט צו רעדען; איך בעטאָן נאָכאַמאָל, אז אין יום טוב פון פוילענס בעפרייאונג זענען מיר אלע פעראייניגט, אלע האבען מיר אָקסעל ביי אָקסעל געקעמפט פאר דער בעפרייאונג פון פוילען.

דער ענדעק איז געבליבען זיצען ווי אַנ'אָבגעשמיסענער, אזוי ווי עס שטעהט ופני המן חפו.

נאָכדעם ווי דער פּראָגראַם איז דורך די פערזאמלעטע בעשטעטיגט, איז די זיצונג געשלאָסען געוואָרען.

שנאָרער גנב'עט 2 ספרי-תורות.

אין שטעטיל סטערצעוו איז פערגאַנגענע וואָך פון דאָרטיגען גערער שטיבעל ארויסגעגנבעט געוואָרען צוויי ספרי-תורות.

אין צוזאמענהאנג דערמיט איז אָנגעקומען פון סטערצעוו א בריעף אין היגען הכנסת אורחים אריין, אין וועלכען מען וואָרנט אָן, אז א שטאַרקען חשד פון אויספיהרען די גנבה האבען אויף זיך איבערגעלאָזט די אורחי פּרחא, וואס זענען אין זעלבען טאג אָנגעקומען מיט א „אָבוז" און בעקומען אָבפערטיג-געלד, נישט ווילענדיג איבערנעכטיגען אין דאָרטיגען הכנסת אורחים, צווישען זיי די שנאָרער: ישעי' פרידריך פון ראַוואַ, אברהם גרינבוים פון סטאַוויטשין, משה ליב און שמואל יצחק קלאַדאַווא און חיים קאַפּעל, קאַליש.

דער דאָרטיגער הכנסת אורחים בעט צו בעאָבאַכטען אויף די „געסט" ווען זיי וועלען קומען קיין ווילון.

ווי מען אינפאָרמירט אונז פון היגען הכנסת אורחים זענען עטליכע פון די דאָרטיגע „געסט" מיט עטליכע טעג פריהער ווי די גנבה האט דאָרט פּאַסירט, אָבגעשטאַט אין היגען הכנסת אורחים און בעקומען אָבפערטיג-געלד.

א שרעקליכע שרפה.

אין דער נאַכט פון מאנטאג אויף דינסטאג איז צוליעב אונבעוואוסטע סיבות אויסגעבראָכען א שרפה אין דאָרף מאַקראַסי ביים פויער יאַן וורובעל.

דאס פייער האט זיך איבערטראָגען אויף א מרחק פון 400 מעטער אין שכנות'דיגען דאָרף פיאַסקי און פערצערט ווירטשאַפטען מיט'ן גאַנצען אינווענטאַר.

דער שאָדען בעטרעפט 27.000 זל.

אינטערווענץ אין ענין גנבות.

אין צוזאמענהאנג מיט די מאַסען-גנבות וואס קומען לעצטענס פאר אין שטאָדט, פון וואס עס ליידען אַממיינסטען געוועלב-לייט, וועלכע ווערען איבערנאַכט בדלות געשטעלט — האט דער סוחרים פעראיין אָבגעהאַלטען אַ עקסטרא-זיצונג, אויף וועלכער עס איז געוואָרען בעהאַנדעלט די דאָזיגע אָנגעוועהטאָגטע פּראַגע.

עס איז בעשלאָסען געוואָרען צו בעוועגען דעם מאַגיסטראַט ער זאָל וועגען דעם ענין אינטערווענירען ביי די העכערע פּאָליציי אָרגאַנען, ווי אויך אז דער מאַגיסטראַט זאָל בעשטימען א צאָהל נאַכטוועכטער.

עס איז דערמיט געוואָרען בעאויפטראַגט לאַווניק מאָריץ קורלאַנד, וועלכער האט פּערשפּראָכען דעם ענין צו בעריהרען אויף א פּלענאַר-זיצונג פון שטאָדט-ראַט, עווענטועל אויף א מאַגיסטראַט-זיצונג.

גנבות פון דער האַק.

ביי סוליקאָווסקי פון קעלער איז געגנבעט געוואָרען פּוטער, פערשידענע קאָנפיטורען און וויינען.

ביי ראַדזיקאָווסקי, פּלאַץ לעגיאָנוב, איז פון קעלער געגנבעט געוואָרען וויינען און קאָנפיטורען.

ביים שוסטער יודל גרין איז פון זיין קעלער אויף פּלאַץ לעגיאָנוב 10 אַרויסגעגנבעט געוואָרען דאס גאַנצע אויבסט וואס ער האט אוועקגעלייגט אויפ'ן ווינטער עפּיס צו פערדינען.

פּראָגראַם פון דער פייערונג פון 11 ליסטאָפּאַד

מיטוואָך ערב יום טוב. נאָכמיטאָג חנוכת-הבית פון „אָשראָדעק זדראָוויאַ" (געזונדהייטס-אַמט) אויף דער נאַכט א צאַפּסטיק. די וויסטאָווע דעקאָרירט מיט די בילדער פון מאַרשאַל פּילסודסקי, מלוכה פּרעזידענט און מאַרשאַל רידז שמיגלי.

דאָנערשטאָג 9 א זייגער א זאַמלונג אויפ'ן פּלאַץ קאָשטשיושקאָ פון אלע אָרגאַניזאַציעס מיט די פּעהנער. 9.30 גאָטעס דינסטען אויך אין דער שוהל. 11 דעפילאַדע אויף די פּילסודסקי גאַס. 12 אויף טוראָוואָר גאַס א חנוכת הבית פון פּ. וו. הויז. 2 פייערליכע זיצונג פון ראַדאַ פּאָוויאַטאָווי אין ניי אויסרעמאָנטירטען זאַל פון ווידזיאַל פּאָוויאַטאָווי (אין הויז פון באַנק קאָמונאַלני). דאָרט פּרייען איינטריט אויף די נאַכט-אַקאַדעמיע.

אָבגעפונען זיך טײלווייז די לעדער-גנבה פון שמשון קאָהן.

די דרייסטע גנבה פון לעדער פון פאַר צוויי וואָכען, וואס האט אָנגעמאַכט א רעש אין ווילון, האט זיך צופעליג טײלווייז אָבגעפונען, אזוי אז דער געליטענער האט צוריק די גרעסערע העלפט פון דער גנבה.

די געגנבעטע סחורה איז ענטדעקט געוואָרען אויף פאָלגענדער ווייזע.

אין דער נאַכט פון דינסטאג אויף מיטוואָך האבען גרעניץ-זשאַנדאַרמען (זיעלאָנקעס) אויפ'ן דזיאַלאָשינער טראַקט אָנגעטראָפען אויף א פוהר, וועלכע איז זיי אויסגעפאַלען פערדעכטיג, אז מען פיהרט שמוגעל. רעווידירענדיג די פוהר האבען די זשאַנדאַרמען אָנגעטראָפען אויף 2 זעק מיט ווייכע לעדער. זיי האבען בעפוילען די דריי דזיאַלאָשינער יודען, א געוויסער וועלוועל קראַמאַלאָווסקי, זיין זוהן און א געוויסער איצקאָוויטש וואס זענען געזעסען אויף דער פוהר זיך צוריקצוקעהרען אין שטאָדט אריין, וואו מען האט זיי אויפ'ן פּאָליציי-פּאָסטערונעק צוזאַמען מיט דער סחורה פערהאַלטען.

צומאָרגענס פריה האט די פּאָליציי געלאָזט שיקען נאָך דעם לעדער-סוחר סוטאַרזשעוויטש, ער זאָל זאָגען מבינות צי דאס איז אויסלענדישע צו היימישע סחורה. סוטאַזשעוויטש האט בעטראַכטענדיג די צוקנייטשטע און צוקוועטשטע כראָמעס, ערקלערט, אז דאס מוז שטאַמען פון א גנבה און וואַרשיינליך פון קאָהנען, וואס עס האט זיך בעשטעטיגט.

דער פאַקט האט ארויסגערופען צופרידענהייט און ס'איז צו רעכנען, אז אויך די פאַקטישע גנבים וועלען ווערען ענטדעקט.

א פראָטעסט-אַקציע געגען די העצערייען אויף דער קהלה

ווי מיר דערוויסען זיך, האט אין דער שטאדט ארויסגערופען גרויס אויפרעגונג די העצע, וואס ווערט ווייטער געפיהרט מצד דער „דאָבּראָטשינגאָשטש” געגען דער קהלה דורך זאמלען אונטערשריפטען אויף עפיס א פּאַשקוויל.

עטליכע חשוב'ע טהוער האבען דעריבער בעשלאָסען אונטערצונעהמען א פראָטעסט-אקציע געגען די דאָזיגע העצער.

עס ווערט צוגעגרייט א מעמאָריאל, אין וועלכען די גאנצע טשענסטאכאווער יודישע בעפעלקערונג וועט אויסדריקען איהר שאַרפסטען פּראָטעסט געגען די דערמאנטע מכלומר'שטע פערזאָרגער פון די טשענסטאָכאָווער יודען און גלייכצייטיג וועט אונטערגעשטראָכען ווערען די פולע סימפּאַטיע פאַר דער יעצטיגער קהלה-לייטונג פאַר איהר מיהפולער ארבייט לטובת דער היגער יודישער בעפעלקערונג.

ווי ס'פערזיכערען די איניציאַטאָרען, וועלכע זענען אויסען דעם כבוד פון דער העכסטער יודישער געזעלשאַפטליכער אינסטיטוציע דער קהלה, האבען מעהרערע אָנגעזעהענע מענשען ארויסגעזאגט זייער גרייטקייט מיטצוהעלפען אין דער דאָזיגער אקציע.

כוליגאַנעס צושטאָכען צוויי יודישע יונגעלייט

אין דער נאַכט פון שבת אויף זונטאַג, אָרום 2 א זייגער בעת די יונגעלייט עזריאל יאַקובאָוויטש און דוד ליבערמאַן האבען זיך צוריקגעקעהרט פון א פערוויילונגס-אָוועגד אין „מכבי”-זאָל, זענען זיי אויף רוג קאַטעדראלנע און אַגראָדאָווע גאַס בעפאלען געוואָרען דורך עטליכע כוליגאַנעס.

די כוליגאַנעס האבען מיט מעסערס פערוואונדעט די יודישע יונגעלייט, וועלכע זענען איבערגעפיהרט געוואָרען אין א שווערען צושטאנד אין היגען יודישען שפיטאָל.

יאַקובאָוויטש, וועלכער איז געוועזען לייכט פערוואונדעט, האט נאך א קורַאציע פון עטליכע טאג פערלאָזט דאס שפיטאָל. ליבערמאַן דאגעגען איז געוואָרען שווער פערוואונדעט און זיין געזונד-צושטאַנד איז נאך אַן'ערנסטער.

די כוליגאַנעס זענען פערשוואונדען, נישט ווערענדיג דורך קיינעם פערהאַלטען.

זונטאג, אָרום 9 א זייגער אינדערפריה האבען קריסטליכע שילער אויף דער יאַסנאָגורסקאַ-גאַס מיט א מעסער צושניטען דעם פּאַלטען ביי יודל טויבענבלאַט.

נאכ'ן אָבּטהון דעם דאָזיגען וואַנדאַלישען טהאַט, זענען די שילער אריין אינ'ם בנין פון גימנאַזיום, וואס געפינט זיך אויף דער דערמאַנטער גאַס.

גאַפּ איז איבערגעפיהרט געוואָרען קיין וואַרשא.

דער בעסטיאַלישער מערדער פון דאָרף בוגיי, אנטאָני גאַפּ, וועלכער איז דורכ'ן היגען קרייז-געריכט און דאן דורכ'ן ווארשאווער אַפּעלאציע געריכט פער'משפּט געוואָרען אויף טויט שטראָף, איז לויט'ן בעפעהל פון יוסטיץ-מיניסטעריום איבערגעפיהרט געוואָרען פון פּיעטרקאָוו קיין ווארשא, וואו עס וועט אין די נאָהנטסטע טעג פאָרקומען זיין קאַסאַציע-פּראָצעס אין העכסטען געריכט.

אויב אויך דאס העכסטע געריכט וועט דעם טויט אורטייל בעשטעטיגען און דער מלוכה פּרעזידענט וועט נישט געניסען פון די בעגנעדיגונגס רעכט, וועט גאַפּ אומגעבראכט ווערען אין ווארשא.

בריעף אין רעדאַקציע

חשוב'ער ה' רעדאַקטאָר!

איך בעט אייך אָבּצודרוקען אין אייער וו' צייטונג די פאָלגענדע שורות:

אין בריעף פון ה' ד"ר באַטאָוויאַ, וואס איז פערעפענטליכט געוואָרען אין דער „טשענסטאָכאָווער צייטונג” פון לעצטען פרייטאג, געפינט זיך צווישען אַנדערע פאָלגענדער זאַץ: „אין טאָג פון דער לויה, אומגעפעהר אָרום 11 א זייגער — — — דאס איז עבּען שוין געווען נאך דעם יעצט שוין בעריהמטען טעלעפאָן-געשפּרעך פון ה' זשעריקער מיט ה' ד"ר וואָלבערג”.

אָזויפיעל ה' ד"ר באַטאָוויאַ.

נישט אריינגעהענדיג אינ'ם עצם-ענין וויל איך נאָר פעסטשטעלען, אַז איך האב מיט ה' ד"ר וואָלבערג אינ'ם טאָג פון דער לויה נישט געפיהרט קיין שום געשפּרעכען, נישט מינדליך און נישט טעלעפאָניש.

מיט אכטונג
וו. זשעריקער.

געעהרטער ה' רעדאַקטאָר!

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם אַרטיקעל אין דער „טשענסטאָכאָווער צייטונג” נר. 44 פון 29-טען אָקטאָבּער ה. י. א. ק. „פערנאַכלעסיגט געוואָרען” האבען מיר דעם כבוד אייך צו בעטען אָבּצודרוקען אין נאָהנטסטען נומער פון אייער וו. צייטונג פאָלגענדע ערקלערונג:

די טשענסטאָכאָווער אָבּטיילונג פון אָקאַדעמיקער-פערבאַנד „אָגניסקאָ” אין קראקא איז געגרינדעט געוואָרען אויף דער בפירוש'ער איניציאַטיווע און לויט די דירעקטיוון פון דער קראקאווער צענטראלע. די לעצטע, אין וועלכער ס'הערשט שוין זייט יאָהרען א ציוניסטישע מעהרהייט, איז אָנפאַנגס זיכער געוועזען, אַז די היגע אָבּטיילונג וועט איהר בייהילפיג זיין אין דער רעאַליזירונג פון איהרע פּאַרטיי-פּאָליטישע ציעלען און האט זיך דעריבער גינסטיג און נישט אָהן סימפּאַטיע בעצויגען צו אונזער אַרבייט.

איינזעהענדיג אבער, אַז די היגע אָבּטיילונג האט נישט בדעה מיטצומאַכען דאס פּאַרטייאישע שפּיעל נאָר וויל זיך אויסשליסליך ווידמען דער זעלבסטהילף און קולטור-אַרבייט און דערביי איז זי דעצידירט איינצוהאַלטען דעם אָפּאָליטישען כאַראַקטער פון דער אָבּטיילונג, האט די דערמאַנטע אַקאַדעמיקער-צענטראלע, וועמענס פליכט ס'איז אין דער ערשטער רייהע צו זאָרגען פאַר דער כובה פון יודישען אַקאַדעמיקער, פלוצים געענדערט איהר שטעלונג און אנגעהויבען לייגען שטיינער אויפ'ן וועג פון אונזער לעגאַליזאַציע. אונזער פערשידענע פאָרמעלע אויסריידען האט די דערמאַנטע צענטראלע נאך נישט „בעוויזען” ביז היינט (קרוב א יאָהר) צו בעשטעטיגען דעם רעגולאַמין פון דער אָבּטיילונג און אזוי ארום אונמעגליך געמאכט יעדע טעטיגקייט פון דער אָרטיגער אָבּטיילונג, גורם זייענדיג דערמיט גרויס שאָדען דעם כלל אקאַדעמיקער.

מיר בעטאָנען דערביי, אַז מיר האָבען נישט געהאט בדעה דעם דאָזיגען ריין אינערליכען ענין ארויסצוברענגען פאר דער עפענטליכקייט. מיר האבען דעריבער אין אַנ'אויספיהרליכען בריעף פערלאַנגט פון דער צענטראלע, אַז זי זאָל צוזאַמענרופען דאס חברים געריכט, וועלכעס זאָל בעהאַנדלען אונזערע פאָרוואורפען. די ציוניסטישע צענטראלע האט אבער נישט געהאלטען פאר נויטיג אפילו אונזער דאָזיגע גערעכטע פאָדערונג נאכצוקומען.

דאס זענען אין קורצען די סבּות, צוליב וועלכע מיר האבען נישט געהאט די מעגליכקייט אין דער דאָזיגער שווערער „גורל שעה” פאר'ן יודישען אקאַדעמיקער, צו ענטוויקלען וואָסער ס'איז טעטיגקייט, ווי אויך די איניציאַטיוו צו געבען אדער אנטייל צו נעמען אין דער „וואָך פאר'ן יודישען אַקאַדעמיקער”.

פערוואַלטונגס-מיטגלידער פון נאכנישט בעשטעטיגטען אָרטיגען אַקאַדעמיקער-קרייז „אָגניסקאָ” אין טשענסטאָכאָוו.

הארי בראָניאַטאָווסקי
מרדכי דאָרפמאַן
משה וויינבערג
זיגמונט ליפּינסקי
מגר. יהודה לייב פויגעל
דוד פירשטענבערג.

א פערוויילונגס-אָוועגד אין יוד. גימנאַזיום

דער עלטערן-קאָמיטעט פון די יודישע גימנאַזיעס אין טשענסטאכאוו אָרדענט איין מאָרגען, שבת, דעם 6 נאָוועמבער 8 א זייגער אָוועגד אין אייגענעם לאָקאל, דאָמבּראָווסקי 7 א פערוויילונגס-אָוועגד, פערבינדען מיט א גאַנצע רייהע אטראַקציעס.

די הכנסה פונ'ם דאָזיגען פערוויילונגס אָוועגד א'ז בעשטימט אויף אויסצופּערטיגען דעם נייעם בנין פאר די גימנאַזיעס.

O CO WIĘC CHODZI?

Gospodynie, które wczesnym rankiem muszą się troszczyć o dzieci i męża, udających się do szkół względnie do pracy, zmuszone są do wielkiego pośpiechu, gdyż w tych wypadkach każda minuta odgrywa rolę — każda zaoszczędzona chwila jest pewną ulgą. Otóż gospodynie mogą uniknąć rannego mielenia kawy przed śniadaniem, gdyż używać będą kawy „Enrilo“, która już całkowicie zmielona i odpowiednio przyprawiona stanowi smaczny i zdrowy napój poranny. Kawa „Enrilo“ jest łatwa i szybka do przyrządzenia—jest smaczna i tania.

Lekarz-Dentysta
Henryk Lejzerowicz
przeprowadził się
na ul. **Aleja 32 m. 3**
telef. 17-57.

פאַרבערייַ און כעמישע וועשעריי
„BENETA”
ב. יאַסעלעוויטשאַ 11
(געגענאיבער. דעם געוועלב פון דער קאַפּעלושאַרניע)
קראַגענס ווערען געוואַשען מיט דויערהאַפטען שפּיגעל-גלאַנץ
ספּעציאַליטעט:
1) אויפפרישען (פאַרבען) לעדערנע קורטקעס,
2) פאַרבען לויט מוסטערן,
3) דעקאַטירען (ארויסנעמען פלעקען אָהן וואַשען אויפ'ן אָרט),
4) כעמישריינינגען און פאַסאָנירען קאַפּעלושן,

Kino „LUNA”

Halka
לויט דער אונשטערבליכע אָפּערע פון
סט. מאָניושקאָ
דער דאָזיגער פילם האט נישט קיין עמיינזאַמעס מיט'ן פריהערדיגען סינכראָניזירטען פילם
איבער'ן פּראָגראַם: אקטואַליען
לעצטער סעאַנס 9.30
א האַלבער זאל 80 גר., די אַנדערע—1.10

KINO „EDEN”.

בעציבערענדער פילם! מוטער, טאָכטער און א פריינד—די סיבה פון קאָנפליקט
SZESNASTOLATKA
אין די הויפּט-ראָלען:
ליל דאַגאָווער
קאַרל שענבעק

Kino-Teatr „STYLOWY”
Aleja 27.

בלוטיגע טעג אויפ'ן ווייטען מזרח
אינקישינאָף,
דער העלד פון „שטורם איבער אזיע”
אין דער קרוין-ראָל פון
בלוטיגען גענעראַל
אינ'ם אַקטועלען פילם
Tajemnica żółtego miasta

אַרבייט, בילדונג און פּאָרטשריט

פון דער ראַדיאָ רעדע פון פּרעזעס פון דעם צענטראַלען שפּאָרזאַמקייטס קאָמיטעט אין פּוילען ד"ר הענריק גרובער לכבוד דעם „שפּאָרזאַמקייטס-טאָג”.

לכבוד דעם שפּאָרזאַמקייטס טאָג, וואס איז אויסגעפאַלען אויף דעם 31-טען אָקטאָבער ה. י. האט דער פּרעזעס פון דעם צענטראַלען שפּאָרזאַמקייטס קאָמיטעט דר. הענריק גרובער געהאַלטען א רעדע, אין וועלכער ער האט ערקלערט צוו. אַנד.:

יעדער, ווער עס זאָרגט פאַר דער ווירטשאַפטליכער גרויסקייט פון פאָלק און פון דער מלוכה, פערשטעהט גאַנץ גוט, אַז כדי דאס צו דערגרייכען זענען נויטיג דויערהאַפטע שטרעבונגען, אונאויפהערליכע אַרבייט און א גוטע ווירטשאַפט. יעדער, וואס פיהרט א גוטע ווירטשאַפט, מוז נעמען אין אַכט, אַז נאך די יאָהרען פון ערפאָלג קומען מאָגערע יאָהרען, וועלכע לאָזען זיך פיהלען דעסטאָ שמערצליכער אויף וויפיעל עס האט זיך פריהער געלעבט גרינגער.

די איצטיגע פיערונג פאַלט אויס אויף א צייט, וואס וועקט האָפנונגען אויף א בעסערען מאָרגען. די זיים איינינגע יאָהרען אונטעטיגע אַרבייטס וואָרשטאַטען זענען געבראַכט געוואָרען אין בעוועגונג, די בעשעפטיגונג עפענט פערדינסט-מעגליכקייטען און שאפט א פאַקטישע קויף קראַפט, וועלכע איז נישט געשטיצט אויף פילאַנטראָפּיע. די בעדערפענישען פון דער שטאָדטישער בעפעלקערונג וואַקסען, דער לאַנדווירט געווינט אַבנעמער פאַר די פּרוכטען פון זיין אַרבייט, די פּרייזען פון תבואה — א פּראָדוקט, וואס ווערט אין פּוילען געשאַפען דורך דער גרעסטער צאָהל — דערנעהנטערן זיך צו דער נאָרמע. דאס דאָרף, וואס האט זיך אין משך פון א רייהע יאָהרען געבויגען אונטערן לאַסט פון נויט, ווערט א דאַנק דער ווירטשאַפטליכער בעסערונג אַנ'אַבנעמער פון אינדוסטריעלע סחורות. דאס איז פּשוטע פעסטשטעלונג פון פאַקטען, אָהן איבערגעטריבענעם אָפּטימיזם. געגעג צונויפצושטעלען די אַרבייטען, וואס זענען אויסגעפיהרט געוואָרען אין פּוילען אין די לעצטע יאָהרען, כדי די פאַקטען זאָלען שטאַרקען אונזער גלויבען אין דער צוקונפט.

אבער ביי דעם גרעסטען אָפּטימיזם דאָרף מען זיין גרייט אויף די עווענטועלע אונערפאָלגען און בעזיצען די מאָראַלישע און מאַטעריעלע קראַפט, כדי זיך זיי ענטגעגענצושטעלען. דעריבער פאָדערט פון אונז די וואַקסענדע ווירטשאַפטליכע בעלעבונג אין פּוילען א גרעסערע ווייטזיכטיגקייט און נויטווענדיגקייט צו שאָנעווען אַרבייט און געלד. קודם כל דאַרף מען אונאויפהערליך פערגרעסערן די פּוילישע פּראָדוקציע. ווי א לאָקאָמאָטיוו נויטיגט זיך אין קויהלען, אַזוי פאָדערט די פּראָדוקציע אָנגעשטרענגטע אַרבייט און אונאויפהערליכען צופלוס פון קאַפּיטאַל.

מיר פערגעסען אבער, אַז גרויסע קאַפּיטאַלען ווערען נישט געבוירען פון אַבסטראַקציעס, נאָר ווערען געשאַפען אין רעזולטאַט פון ווירטשאַפטליכע פּראָצעסען, וועמענס הויפּט-עלעמענט איז געוויסענהאַפטע און גוט-אָרגאַניזירטע אַרבייט. די דעפּאָזיטען, וואס ווערען געזאַמעלט אין די פינאַנץ אינסטיטוציעס דורך די ברייטע שיכטען פון דער בעפעלקערונג, זענען א רעזולטאַט פון זייער אַרבייט, וואס ווערט — צוזאַמען מיט די אומזאַץ קאַפּיטאַלען פון די גרעסערע דיספּאָזיציע צענטרען — ארומגענומען דורך דער אַלגעמיינער בעצייכנונג פון ווירטשאַפטליכער בעוועגונג. אַלץ גרעסערע קאַפּיטאַלען זאַמלען זיך אין די פינאַנץ אינסטיטוציעס, וואס גרעסער עס איז דער אַלגעמיינער ווירטשאַפטליכער אומזאַץ. איינשפּאָרונגען זענען אַבּהענגיג פון ווירטשאַפטליכען ניוואָ פון לאַנד און פון דער ווייטזיכטיגקייט פון די בירגער — מיט איין וואָרט פון דער גוטער ווירטשאַפט. דאס לענקען די דאָזיגע קאַפּיטאַלען אין די ענטשפּרעכענדע קאַנאַלען און זייער ראַציאָנעל אויסנוצען איז איינע פון די אויפגאַבען פון דער ווירטשאַפטליכער פּאָליטיק. עס איז נישט די אויפגאַבע פון דער מלוכה צו פיהרען דעם אונטערנעמער פאַר דער האַנד, נאָר, זיכערענדיג איהם יורידישע שוץ, שאַפען ביי א ראַציאָנעלער שטייער-פּאָליטיק א לאַגע, ווען דער אונטערנעמער אַרבייט אויף אייגענער ריזיקאָ און רעכענט בלויז אויף אייגענע כוחות.

אַפטמאָל הערט מען, ווי מען בעקלאָגט זיך: „איך וואָלט געקאָנט פערגרעסערן די פּראָדוקציע, ווען איך וואָלט געהאט מעהר קאַפּיטאַל”. עס רעדען אַזוי אינדוסטריעלער, לאַנדווירטען, סוחרים, עס רעדען אַזוי פיעל פון די, וועלכע וואָלטען געוואָלט פערגרעסערן די אויסגיביגקייט פון זייער אַרבייטס-וואָרשטאַט. מיט לעדיגע הענד וועלען זיי דאס נישט בעוויזען צו טהון. די קרעדיטען, וועלכע זיי וואָלטען געקאָנט בעקומען אין די איצטיגע בעדינגונגען, בעפרידיגען נישט אַלעמאָל זייערע בעדערפענישען. די שוועריגקייטען לעזט די רעאַליזירונג פון גרויסע פּלענער דורך דער מלוכה. גרויסע אינוועסטיציעס ברענגען אין בעוועגונג אַרבייטס-וואָרשטאַטען און פערגרעסערן די אייגענטום סובסטאַנץ פון פאָלק נישט נאָר אויפ'ן יסוד פון רענטאַביליטעט, נאָר אויך דאן ווען די רענטאַביליטעט אין ענגען זין פון וואָרט לאָזט זיך נישט דערגרייכען.

געלד בילדעט שוין איצט נישט די אויסשליסליכע פּריווילעגיע פון פערמעגליכע. עס קאָן שוין נישט זיין קיין רייד, אַז די קויף-קראַפט זאָל זיך קאָנצענטרירען אין א בעגרענעצטער צאָהל הענד. דער קאָנסומענט איז געוואָרען א ריזיגע מאַסע, וואס לעבט אין איהר מעהרהייט פון קאָפּ און האַנד-אַרבייט. זי בעזיצט א בעגרענעצטע אבער א דויערהאַפטע קויף-קראַפט. די לאָזונג פון דעם היינטצייטיגען פּראָדוצענט איז — גרויסער אומזאַץ — קליינער ריוח. די דאָזיגע לאָזונג מאכט מעגליך צו פערווירקליכען דעם פּרינציפּ פון גערעכטען פערדינסט.

די טעאָריע פון הויכע פּרייזען האט אין ערגעץ נישט אויסגעהאַלטען דעם לעבענס-עקזאַמען. ווען די וועלט-פּרייזען ווערען איבערגעשטיגען, בעגעהט מען א שווערען פעהלער. הויבען דאס לעבענס ניוואָ קענען מיר בלויז דורך בעריקזיכטיגען די ווירטשאַפטליכע פערטיילונגס לאָגיק, דורך אָנווענדען די פּרינציפּען פון גערעכטער פערטיילונג פון די גיטער, וועמענס קוואַל עס דאַרף זיין אַרבייט, בילדונג און פּאָרטשריט.

נדבות פאַר „תומכי עניים”

ה' א. י. גאָלדפינק און פרוי צו דער חתונה פון זייער טאָכטער 40 קילאָ ברויט.

ה' יצחק וואָרמונד און פרוי צו דער חתונה פון זייער זוהן 30 קילאָ ברויט.

ה' וואָלף לאַנדוי 25 קילאָ ברויט לכבוד דעם געזונד ווערען פון זיין קינד.

ה' א. ענזעל 2 זל.

ה' יואב ווייצענבלאַט 1.50 זל.

אָבּקלאָנגען פונ'ם איינברוך אין דער סוחרים-באַנק.

ווי בעוואוסט, איז איינער פון די אָנטיילנעמער אינ'ם נישט-געלונגענעם איינברוך אין דער סוחרים און פאַבריקאַנטען-באַנק יוזעף זדעבסקי, א בעקאַנטער קראקאווער קאַסע-ברעכער, געוואָרען באַלד דאַמאלס פערהאַלטען.

דער אויספאָרשונגס-אַמט פיהרט אַנ'ענערגישע אויספאָרשונג, כדי צו ענטדעקען אויך די איבריגע שותּפים.

די לעצטע טעג איז טאַקי צו דער פּאָליציי אריינגעפאַלען א צווייטער קאַסע-ברעכער, וועמען ס'איז דאַמאלס, אין דער קריטישער נאַכט געלונגען צו ענטלויפען.

צוליב'ן גונסטען פון דער אויספאָרשונג ווערט דערווייל דער נאָמען פונ'ם פערהאַלטענעם נישט ענטפּלעקט.